STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04450

LIKHT FUN MAYN GAS

I. Z. Shargel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב צבי שאַרגעל

ליכט פון מײַן גאַס

די זאַמלונג דערשיינט מיט דער מיטהילף פון:

א. פינעס־פאָנד פאַר ליטעראַטור און קולטור,
הילפספאָנד ביים פאַרלאַג „ישראל־בוך" פאַר יידיש־שאַפונג,
קרן תל־אביב לספרות ואמנות ע"ש י. רבינוביץ,
ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל.

יעקב צבי שאַרגעל

ליכט פֿון מײַן גאַס

לידער

פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
הילפֿספֿאָנד פֿאַר ייִדיש־שאַפֿונג
תּל־אָבֿיבֿ, תשמ"ד — 1984

י. צ. שרגל

אורות רחובי

שירים

I. Z. SHARGEL

LIGHTS OF MY STREET

Poems

קונסט־געמעלן צו די דריי אָפּטיילן: **מולה בן־חיים**

פאַרלאַג „ישראל־בוך", הילפספאַנד פאַר יידיש־שאַפונג אין ישראל
תל־אביב, רחוב איתמר בן־אבי 4

Publishing House ISRAEL-Book. Tel-Aviv.
P.O.B 1777

©

Printed in Israel, 1984 — נדפס בישראל, תשמ"ד

דפוס „אורלי" — פרידמאַן, תל־אביב, טלפון 372062

מיין פירצן

מיט ליבשאפט און דאנק

ליכט פֿון מײַן גאַס

ה׳ באייר

פינעף טאָג אין חודש אייר
האָט דער שׂר פון גורל
מיט טויזקע פליגל געטאָן אַזאַ פלאַטער,
באַרירט די שפּיצן פון די צעדערס,
פון די טערעבינטן,
ביז די דאָרנביימלעך מינדסטע
וואָס זייגן בײַ אויסגעקוואַרטער ערד,
און ס׳איז געוואָרן באַשערט: —
אַלע אינאיינעם און באַזונדער יעדער
האָבן אויסגעעכאָט אַ נײַעם יהי...

און ס׳איז געווען אין אונדזער אייגענעם הי
— בײַ דײַן וויגל ה׳ באייר
און נאָך פריִער —
האָבן זיך אויסגעשטעלט די גופים פאַרברענטע
פון די זעקס מיליאָן
און די קעמפער־מאמינים,
און ס׳האָט אַ שפּאַר געטאָן מיט פרייד און מיט טרויער,
און מיט געדויער וואָס האָט אַ לויף געטאָן פאַרויס —
און אַלע צוזאַמען זענען אַרײַן אין דײַן שויס.

איז דער טאָג געוואָרן גרויס און מאַכטיק.
און די פעלקער וואָס האָבן געקוקט אויף דיר פּאַראַכטיק
האָבן פלאַמען צעצונדן אַרום דיר;
נאָר די, וועמען דער פלאַטער האָט געבענטשט מיט **פאַרשטאַנד**,
מיט כוח און מיט מוט
אויסצורופן דעם אויפגיי פון ישראל,
האָבן אין ווײַן און אין בלוט געטרונקען **לחיים**
צום נײַעם געבורט פון אַ לאַנד.

35 למדינתנו

דער גאַנג צו דיר פון ווײַט

— רבקה, מײַן שוועסטער, לזכר

א.

כ׳האָב דיך נישט אויסגעטראַכט. ניין.
ביסט וואָר און ממש.
ביסט ווי תפילה אַזוי ריין
און אין ריינקייט — אַ ניגון צעוויי׳ט.
נאָר דער גאַנג צו דיר פון ווײַט
איז נאָך אַלץ אין מיטן גאַנג
און וועט נאָך דויערן
לאַנג,
לאַנג.

ב.

כ׳האָב דיך נישט אויסגעטראַכט.
כ׳האָב פון **דאָרטן** דיך געבראַכט
צוזאַמען מיט מײַן חלום: —
כ׳לויף אויף לאַנקעס,
אויף פעלדער,
איבער טײַכן,
איבער ימען
און אַז איך גרייך —
כ׳פלאַנץ זיך אײַן בײַ ציפּריסן, בײַ טאַנעץ,
און עס באַוואַסערט דאָ
מיך און **זיי**
די טרער פון מײַן מאַמען.

ג.

דו ביסט מערער נאָך, ביסט מיין.
ביסט געווען.
ביסט דאָ.
וועסט זײַן.
כ׳האָב דיך אַנטשפּויזט אין תש״ח
נאָר אויסגעטרוימט אינדערהיים.
נאָך אין חדר דיך דערזען,
אין סידור,
אין חומש,
אין נ״ך
און אין יענער נאַכט — אַ ווינטערדיק שוואַרצע —
ווען ביסט געשטאַנען הינטער מײַן פֿאַלנדיקן דאַך
און געשומר׳ט,
און געוואַכט.

ד.

ביסט נישט קיין אויסטראַכט. ניין.
כ׳האָב דורך פלויטן דיך דערזען,
דורך צוימען.
דײַנע אויגן פול מיט היילונג און מיט גוטס
און דײַנע קוישן — מיט ברויטן פאַר די קינדער.
נאָר אַז די שאָטנס פון די בערג
ווי די בערג זענען שטייניק
און מיט געשטיין זיי פאַרשטעלן מיר דאָס זען,
בין איך גלײַך צו דעם פויגל
וואָס פאַרלוירן האָט די נעסט
און וויל די קינדער צו זיך ברענגען
פון אַלע ווײַטן פון דער וועלט.

ה.

עס האָט מײַן אויג צו דיר געהעלט
און דו האָסט מיר באַפוילן: **לויף** —
גיי צו זיי, אײַל,
טייל דײַן חסד דאָרט, דײַן גאָב
צו די וואָס קומען אָפּ פאַר אַזויפיל זינד.
אָט שטייען זיי אַצינד — ביימער אינעם שטורעם
און פלאַנצן יונגע,
פריִע,
און דער טאָג איז שוין פריַיטיק.
מאַך זשע זיך צײַטיק און יאָג קיין בית־לחם,
קלאַפּ אָן אין דער מוטערס טיר און זאָג איר:
דײַנע קינדער קומען צוריק צו זייערע געמאַרקן.

און מײַן צווײַגנפאַרקן, אין סאַמע מיטן בלי,
קניט אין אַנגסטן פאַרן נײַעם אינדערפרי.

ו.

ס'איז וואָר דײַן זײַן, דײַן הי.
דײַנע שטערן האָבן מיך נישט באַטריגן
ווי דעם גרויסן פּאָעט אויף יענער ערד. —
וואָרעם דיך צו זען אין דײַן ווערן
געוועזן איז מיר דאָ באַשערט.

נאָר אַז איך בין געשטיגן אויף שטיגן דײַנע
צו די שווינדלענדיקע הייכן פון דערגרייך,
האָב איך ווידער דערזען מײַן חרוב שטיבל
אין געשחטענעם געסל בײַם טײַך.

ז.

און דו ביסט מיט בשורה אַזוי רייך
און רייך — דיין האָניק און דיין ווייַן.
כ׳האָב דיך נישט אויסגעטראַכט, ביסט ממש,
און מאַמע׳ש איז דיין זיין.
ווייל געקומען ביסט פון סיני
און פון שׂעיר אויפגעשיינט — — —
נאָר אין דיין שלייער נעפּלען ווינטן,
און נישט קלאָר איז די צייט —

ווייל
דער גאַנג צו דיר פון וויַט
איז נאָך אַלץ אין מיטן גאַנג
און וועט נאָך דויערן
לאַנג,
לאַנג.

אוי, ווי מוטיק

א.

כ׳וועל אַרויסציִען דעם וויי פון מײַן האַרץ,
ווי כביכול די זון פון פוטערפּאַס,
און וועל אים צערטלען מיט פינגער
בלוטיק־צעוווּנדיקטע.
אוי, ווי בלוטיק.

דער טאָג וועט נישט ווערן הייסער ווי ער איז
און די נאַכט — נישט קעלטער.
נאָר דער וויי וועט זיך לייגן אַ זייגקינד
אויף מײַן ברוסט,
ציִען דעם זאַפט פון מײַנע ביינער,
און מוטיק וועט אַרײַנפּראַלן אַ זיגערין —
די עלטער.

אוי, ווי מוטיק.

ב.

די ווײַסע האָר אויף מײַן קאָפּ
ווערן געל.
אויך די אויגן פֿאַרלירן זייער קאָליר.
וואָס זשע שטייט ער דער שׂטן
אין ווינקל פֿון גאַס
און וואַרט דאָרט אויף מיר?

כ׳וועל דאָך סײַ־ווי מיט אים גיין
און פֿאַרויסגיין
לויט די זון וועט פֿירן און באַפֿעלן.
כ׳וועל ציילן די רגעס — מתּנות געשאָנקענע —
נישט אויפֿהערן זיי ציילן.
נאָר דאָרט בײַם בוים, בײַ דער נעסט פֿון די פֿייגל,
כ׳וועל זיך אָפּשטעלן פֿאַרוואָר און פֿאַרהאַלטן,
ביז וואַנען זייער געזאַנג וועט גרייכן די שטערן
און די הימלען שפּאַלטן.

אַז דאָס האַרץ

אַז דאָס האַרץ פֿון דער וועלט
איז האַרציקער פֿונעם האַרץ פֿון אַ מענטש,
דאָס מינדסטע נעגעלע אירס אפֿילו —
(ווי עס זאָגט דאָס דעם בראַצלעוועס אַ בעטלער),
לויף איך און בענטש דאָס האַרץ פֿון דער וועלט
מיט לויברייד פֿאַרקלעמטע, בדחילו.

אַז דאָס האַרץ פֿון דער וועלט
איז האַרציקער פֿונעם האַרץ פֿון אַ מענטש,
ווי שוין אויבן דערמאָנט,
גיי איך מיט אים בײַנאַנד
און לאָז זיך אויף וועלטס באַראָט,
ביז געפֿינען כ׳וועל אַ מענטש — כאָטש איינעם —
מיט אַ האַרץ
ווי דאָס האַרץ פֿון דער וועלט.

און אַז דער איינער וועט האָבן די וועלט אין זײַן האַרץ
און דאָס ראָזליכט וועט פֿלייצן פֿון זײַן בליק,
וועל איך נעמען אַלע גראָזן און בלימלעך פֿון האַרבסט
און פֿלעכטן פֿון זיי אַ בריק —
צום האַרץ פֿונעם מענטש.

גראָזן אין פאַרגיי

ס׳איז אויפשטיי איצט. אויך איך שטיי אויף.
ס׳איז אָנקום פון טאָג. דער טאָג איז מײַנער, דײַנער, זייער.
אַ מבשׂר זאָגט מיר אָן די לעצטקייט, דעם פאַרגיי.
נאָר איך אײַל אַרײַן אינעם גאָרטן
ווי ס׳וואָלט מיך רופן אַ געשריי.

איך הער די גראָזן — זיי רופן מיך בײַם נאָמען.
מיט לעפצן טויִקע זיי שמידן מײַנע טריט.
ווי **דאָרטן**, אין האַלבער נאַכט, זיי רופן מיך צום „מנין"
און איך אַ באַנומענער ענטפער זיי: **אָמן!**

ווונדיקט אין מײַן האַרץ דער פאַרלענד: —
אוי, גראָזן מײַנע, בלייבע, אײַנגעשרומפּענע,
ווי אײַך — האָט די ערד אַרויסגעגראָזט מיך
און אויף זיך זי לאָזט מיך איצטער װעלקן, דאַרן.
נאָר עס שפּאַרן אַרויס פון מיר לעצטע געבעטן:
ס׳זאָל, חלילה, קיין שווערער טראָט
אויף אײַך נישט טרעטן.

זע, באַלד פאַרגייט דער טאָג,
דער הימלבויג ווערט געל און די גראָזן — גראָ,
די פלאַמען אויף די ביימער זענען שוין אויך נישטאָ,
און אין מיר לעשט זיך דאָס זומערליד —
גייט אויס מיטן טאָג,
מיט דער שעה.

אין פאַרבנוויי

א.

דער פויגל איז נישט בלאָ
ווען די נאַכט פאַלט אים צו —
דער פויגל איז נישט בלאָ.
נאָר איך בין דאָ דאָ
אינעם בלאָ פון דער נאַכט —
פאַרקנסט,
פאַרפאַכט.

דער פויגל איז נישט רויט
ווען די זון קומט אים אויף —
דער פויגל איז נישט רויט.
נאָר מיר חלומט זיך אַלץ
דאָס ברויט, וואָס האָט אין מידבר אויסגעפעלט —
כאָטש כ׳בין שוין אויסגעוועזן
שטעט און לענדער.

אָבער די פייגל פון שבת־שירה
זענען בלאָ און זענען
ברוין,
ווי די קאַשע וואָס מײַן מאַמע האָט זיי געשטעלט,
און מײַן געסל — פון אָרעמקייט די קרוין —
איז מיט זיי אַוועק
צו אַלע ווײַטן וועלט.

ב.

אויף די זאַמדן פון מיַין האַרבסט
גייט אויס דער טיַיך און פאַרטריקנט.
אוי, ווי געל איז איצט זיַין פנים
און זומפּנגרין זיַין דעק.
האָב איך — אין פאַרבנוויי פון אויסגייענדיקן שבת —
מיט לעפצן בלאָנע-בלאָע דיך געוועקט
און אין חצות — אַ תפילה דיר געתיקונט:

זע,
די גראָע טויב מיטן פער-געפאַרבטן קאָפּ
ברומט אַריַין אין מיַין געמיט.
ס'האָט דער סאָד שוין אָפּגעבליט
און זיַין בלעטערגאָלד צעפוילט.
נאָר די פאָן פון יענעם ליד
זינגט נאָר אַלץ: „אָ, גוטער פריַינד"...
און דער דרויסן
ביַילט די פויסטן
און
גרוילט.

ג.

דער חלום האָט צוגעמאַכט די אויגן
און מיך געלאָזט אַליין מיט דער וואָר.
ס'איז געוואָרן מיר קלאָר,
אַז אָט די נאַכט האָט אינגאַנצן מיך פאַרשלונגען.
האָב איך פון פחד גרויזיק זיך צעזונגען,
ביז דער מאָרגן־שטערן האָט אין מײַן פענצטער
מיט תכלת־ליכט אַרײַנגעבליקט.

די נאַכט איז אײַנגעגאַנגען און דער טאָג האָט געטאָגט,
דער חלום האָט בלאָנדזשענדיק געשוועבט —
אַ שאָף אָן איינזאַמע אַ בלודנע
צווישן געמאַרקן פון אויסגעדאַכטער צײַט.

זענען ביידע מיר געבליבן צעשיידט,
וויסטע איינער אָן דעם צווייטן.
און דער באַרג איז ווײַט,
און דער לאָם איז נאָך נישטאָ,
בלויז דאָס האָלץ איז צעלייגט אויפן שטיין.
אָן דעם חלום ווערט די נאַכט גרויס אַזוי און גרעסער
און לאַנג, לאַנג
דאָס בלאַנקענדיק ווײַסע מעסער.

גראָע נאָדלען

א.

ווער ביסטו, צווײַג, וואָס שפּאַרט אַרײַן אין פֿענצטער,
און וואָס איז דײַן קאָליר?
די טיר, אַ צוגעמאַכטע, מאַכט טונקל מיר דאָס זען
און אַלע פֿאַרבן גייען אויס, ווערן אויס.
איז גרויס מײַן וויי, וואָס כ׳האָב בײַ שלמהן נישט געלערנט
די שפּראַך פֿון צווײַגן,
און אַצינד —
איך שטיי אַ געבונדענער אין שווײַגן.

ב.

איך שטרעק צו דיר די הענט מיט בענטשונג
און רוף דיך אַרײַן אין מײַן געצעלט.
דער הימל איז איצט פאַרשטעלט מיט פערלשטערן
און מיט טרערן — כמאַרעס פון אויסגעגאַנגען זײַן.
נאָר איך רוף דיך איצט אַרײַן אין מײַן געצעלט,
אַ געצעלט
וואָס עס האָט דעם קיום־סוד באהבה זיך פאַרוועלט.

די יריעות פון מלך־אביונס וועלט,
וואָס פלאַטערן פון ווייען אין פאַרבן אַלערליי,
זענען ווינטיק הײַנט צעשויבערט און מיט נאַכט.
און כאָטש איך גרייט מיר שוין פון שטיינער אַזאַ וווינונג
איז מײַן באַלוינונג אַלץ נאָך יענער אוהל
וואָס כ׳האָב פון זעונגען און גלויבן אויפגעשטעלט.

ג.

די גראָע נאָדלען פון די שטאַלטנע סאָסנעס אין מײַן גאָרטן,
זיי שטעכן אײַן זיך אין מײַן לײַב מיט געגלעט.
העט, העט,
ווײַט און ווײַט פון דאַנען,
האָט מײַן יונגשאַפט דעם חזיון אויסגעטרונקען
אינעם רויטן פאַרוועט מיט די טעג.
ראָיען איצט בלאָע פליגן
אויפן אָנשיטבאַרג פון געוועזן
און זיי זשומען מיר אין אויער: —
האָסט פאַרזען, האָסט פאַרזען.

אין דער נאַכט פון תיקון

דאָס גאָלדענע פּלאַטערל פון חודש סיון
אַ געצירטס אין שטרײַפן ווײַן־רויטע,
איז אַרײַן אינעם קרײַז פון מײַן לעמפּלס ליכט
אומגעריכט.
ס׳איז אַרײַנגעקומען די נאַכט פון תיקון.
איבער גרענעצן און בריקן איז דער זילבערסערף פאַרגאַנגען
און באַלד וועט דער הימל זיך שפּאַלטן.
אָט קומט אַ שעת־הכושר און געמיטער וועלן פלאַטערן
עלעהייביימער אין ווינט.
נאָר דערווײַל האָט ס׳פּלאַטערל צעלאָזט איר גאָלד אויף מײַן לאָמפּ —
אַז ווײ און אַז ווינד.

ס׳איז די נאַכט פון תיקון.
ס׳איז וואַרעם
און די וואַרעמקייט אַ מאַטע
הויערט אויף הערצער און אויף דעם פײַערדיקן אות.
ס׳איז נישט קיין געשריי, וואָס אויערן מײַנע הערן,
נישט קיין מידבר־שאָל אין שבועותדיקן חצות,
בלויז אויף גראָזן פּאַלט דער טוי ווי תפילה
און דער וואָס טראָגט די צײַטיקייט מיט פולע הענט מיר אַנטקעגן,
ברענגט רייד גאָר שטומע, אײַנגעדרעמלטע, קילע.

בעט איך מחילה ביים פּלאַטערל דעם גאָלדן־געלן,
אין ווײַן־רויטע שטרײַפן אַ געצירטס:
נישט איך האָב צום ליכט דיך גערופן
און אין נאַכט אָט דער וווּנדערלעכער פאַרפּירט.
כ׳האָב דײַן גאָלד נישט געוואָלט,
דײַנע פליגל נישט באַגערט.
נאָר דער שיינקייט איז אַ גזר שוין באַשערט,
אַז דער בורא אירער זאָל זי וואַקסן נישט דערלאָזן,
זי זאָל נישט שיין זײַן, חלילה, ווי ער —
איר באַשעפער.

אין אַ קאַיאָר

פאַר טאָג,
נאָך איידער דער מזרח האָט צעפלאַמט,
איז אַ שפּאַרבער פאַרבײַ מײַן אויג.
כ׳האָב אַלע שפּרוכן אויסגערופן,
תפילות אויסגעשריגן,
מיטביידע הענט געווערט זיך קעגן לויער.
נאָך הילף איך האָב גערופן און קיינער האָט נישט געהערט —
אַ שלאַנג האָט געצישעט גרין־געל בײַם טויער.

האָט מײַן מאַמע זיך באַוויזן אין צעשראָקענעם קאַיאָר,
פון קליידער־זוימען צויטן צונויפגענומען
בײַ אַלע שכנות אירע, מיר אַ „גוט־אויג" אָפּצושפּרעכן;
אויפן פײַערטאָפּ זיי געלייגט, געמורמלט און געתחינהט:
אוי, פאָטער אין הימל, באַהיט און באַשירעם אים,
ווי עס בעט בײַ דיר דײַן דינסט,ביילע בת הינדע.

איז די הינדין צום שליאַך אַרויסגעלאָפן
און מיטגענומען אַלע פלאָגן, אַלע בראָכן,
און איר תפילה — ווי אַליין זי וואָלט זיך זאָגן —
איז מיר פון לאַנד צו לאַנד מיטגעגאַנגען
און מיך באַלייט
וווּהין די אויגן האָבן געטראָגן.

אַ וועלט איז אויסגעגאַנגען

מײַן מאַמעס פּנים ציטערט. גייט אויף און גייט אָפּ
פּאַרן שטאַרבן.
דער אָוונט אַזוי מילד איז, ס'איז שביעי של פּסח,
און איך, אין ווייען אַן אײַנגעהילטער,
מיט פּחד קינדישן ווייס איך:
אָט דעם ציטער וועלן אירע קינדער אַרבן.

די גופֿימלעך אונדזערע, אין אַנגסט צונויפֿגעטוליעט,
שרומפּן אײַן, צעפֿאַלן,
ווי די דריבנע רויזן וואָס מ'רופֿט גבריאלה;
פֿון יענער זײַט ווײַ, דורכן שכנס וואַנט,
רײַסן קלאַנגען זיך שטורמיש־ווילד
פֿון שאָפּענס טאַראַנטעלאַ,

נאָר אָט,
איר פּנים צו ציטערן הערט אויף —
מײַן מאַמע איז דעם מעבר־יבוק שוין אַריבער!
אַוועק דער פֿיבער,
די היץ,
די קעלט, —
אַוועק צו אַנדער וועלט,
צו יענער...

איז דער טאַטע, דער ווילקענער, פֿון דאַוועניען געקומען
מיט נעפּלען אויף די ווייעס
און אויף זײַנע צאַרטע פֿינגערשפּיצן — נאַסער דעמער —
הײַנט זענען די ייִדן דעם ים־סוף אַריבערגעגאַנגען,
בלויז ער איינער, ווי געבליבן ער וואָלט אין גושן.
רוישן אַרום די שאָטנס דאָ און ווי דאָס טײַכל זיי פֿלוישן: —
ווײַ, ווײַ, אַ וועלט איז אויסגעגאַנגען,
אַוועק איז אַ מאַמע
מיט איר לעצטן ביסל חיות.

אין ליכט פון די שפּיגלען

מײַן הלל׳ן לזכר

א.

כ׳האָב זיך דערזען אינעם ליכט פון די שפּיגלען
וואָס דײַן האַנט האָט צעהאָנגען אין מײַן וווינונג
און אין מיר איז פאַרגאַנגען דאָס פאַרבאָרגענע ליכט.
דער אינדערפרי האָט נאָך געווישט זיך די אויגן
פון דער פאַלשער שײַן, וואָס פאַרבלענדט דאָס זען,
און איך — אין דרײַען געבויגן — האָב געפּרוווט אויסגלײַכן
מײַן גוף, כאָטש די קני, אין **דעם** אינדערפרי.
אַז פון שפּיגל צו שפּיגל דאָס ליכט האָט זיך געמיניעט
פון אָנהייב־ליכט ביז אויסגיי־ליכט —
פון בראשית ביזן סוף פון די סופן,
האָט אַ נעפּל זיך פאַרצויגן אויף מײַן ראיה
נישט צו דערקענען פון יאוש ביז האָפן.

אין ליכט פון די שפּיגלען וואָס האָסט צעהאָנגען אין מײַן חלום
האָט דאָס טאָגיקע לעבן פון הײַנט,
— פונעם לוסטיקן דור אין דער אַלץ־מעגנדיקער צײַט —
די וועלט מיר צעטײלט אין ש״י וועלטן.
כ׳האָב זיך ווידער דערזען בײַ די געצעלטן אין מידבר
און דערווידערט־געשריגן אויפן מן און אויפן שׂלו;
האָב געהאָלפן מאַכן דאָס עגל פון גאָלד, פון אומגעדולד,
געבענקט נאָכן גאָרטנגרינס און נאָך די פיש פון מצריים
און געזען די ווײַבער אײַנגעזאַמלטע בײַם אַרײַנגאַנג פון אוהל מועד
זיך שפּיגלען אין די קופּערנע שפּיגלען...

אין ליכט פון די שפּיגלען, קרישטאָלענע בעכערס, לאָמפּן, געשיר,
האָט אַ ציטער צעציטערט מײַן טויער און מײַן טיר;
מײַן האַרץ האָט אויפגעהערט שפּירן, באַנעמען.
כ׳האָב פאַרגעסן דעם אָנהייב, דעם אויסלאָז נישט געוווּסט,
נישט געהאַט ווען צו פרעגן באַשיידונג אַפילו.
נאָר אַנטקעגן מיר איז שוין געשטאַנען דער חוזה פון דער צײַט,
דער צעפּלאַטערטער דיכטער, דער רעכט־מאַנענדיקער מאָלער
און אַט די זעונג באַמאָלט און באַשריבן.

ב.

ר׳איז אַוועק מיטן ליכט. ר׳איז אַוועק.
כ׳האָב די שפּיגלען פאַרהאָנגען נאָך זײַן גיין
נישט זען כ׳זאָל אַ פּנים אין געזילבערטן גלאָז.
אין אַן עיגול כ׳האָב פאַרעיגולט זײַן געשטאַלט
און דעם וועג מיט וועלכן ר׳איז אַוועק
אַן אײַנגעהילטער אין אייביקן געשרעק.

ר׳איז אַוועק.
כ׳האָב פאַרהאָנגען זיי אַצינד מײַנע שפּיגלען,
זיי פאַרדעקט מיט האַרבסטן — וואַלן
כ׳זאָל נישט זען אין זיי ס׳ליכט פון די זיבן טעג.
און אויפגעריגלט די ריגלען פון מײַן האַרץ
אַרײַנגעלאָזט די נאַכט מיט אירע פאַרבן,
זי זאָל מײַן האַרבקייט אַרבן.

ר׳איז אַוועק מיטן ליכט. ר׳איז אַוועק.
כ׳האָב די שפּיגלען פאַרהאָנגען נאָך זײַן גיין.
כ׳האָב די אויגן אויך פאַרצויגן
מיט שלייערן אויסגעשטריקטע פון טרערנקוואַלן.
און אַז דער לויג פון מײַן אויג שׂרפהט נאָך מײַן ברעם,
די באַקן,
בייגט זיך מײַן נאַקן און בייגט זיך
פאַר זײַן גורל.

ר׳איז אַוועק.
כ׳האָב די שפּיגלען פאַרהאָנגען
נישט צו זען די סליאַדן פון זײַן שפּאַנען.
קומען מיר אַנטקעגן מידבר־קאַראַוואַנען און שווײַגן פאַרעקשנט
אַרײַן אין מײַן זײַן

און ווידער בין איך אַליין.

כ׳האָב געוואָלט

— מײַן שמואל׳ן אין זיינע לעצטע שעהען

כ׳האָב געוואָלט מיט וואָרט וואָס איז ריין
און לויטער
ווי ס׳אויג דאָס בלויע,
זײַן ראוי דאָס געלס פון דײַן פנים
אַראָפּצוּוואַשן.

כ׳האָב געהאָפט
מיט ניגון וואָס איז ווײַס
און בלייך,
ווי דו פאַרן טאָגן,
פאַריאָגן פון דײַנע גלידער די ווייען.

איז דאָס וואָרט און דער ניגון פון פאַרשאַרפטע געשרייען
אַרײַן אין די לידער
און ווי זיי — הענגען געבליבן אויף אָן־עפּעס.
אויף סטרונע געפּלאַצטער?
אויף אויערן פאַרטויבטע? —
און דאָס בייזאויג פון חלום
יאָגט אַרײַן מיך
אינעם איינער אַליין.

ווען נישט דער בוים

— אריה שמריץ לזכר

א.

ווען נישט דער בוים —
דער אָפּגעריסן־אָפּגעשליסענער,
וואָס האָט דעם הויף אונדז דאָרט געהיטן
און אין שבתים עלנטע זמירות מיטגעזונגען —
ווער ווייסט צי דער פראָסט אויף די שויבן
וואָלט ווינטער אונדז געצייכנט
בלעטער און צווײַגן.

ווען נישט דער בוים,
וואָס די יינגלעך האָבן באַפּײַכט מיט זייערע „בויגנס"
און די מאַמעס — מיט וואַסערן קוויטיקע,
ווער ווייסט צי מיר וואָלטן ווען געוווּסט
פון פייגל־געזאַנגען
און פון נעסטן.

און אַז דער אויסגעשטרעקטער אָרעם פון באַשעפער
האָט געטריבן און געיאָגט איבער וועגן
און ווער אין האַרצן געהאַט האָט אַ גאָט
איז אין וועלדער געלאָפן צו דיביימער
דעם גזר אָפּצוּוואַרטן,
דעם שטורעם,
דאָס געוויטער,
דעם גרים און דעם צאָרן —
איז דער בוים געווען אַ באַשיצער,
אַ היטער געוואָרן.

אוי, ווען נישט דער בוים.

ב.

ווען נישט דער בוים,
ווען דו האָסט אויסגעהיילט מיט עצות
און געבענטשט מיט גרינעם מזל פון דײַן דאָרף,
ווער ווייסט צי געל־גאָלדיקע מאַנדעריינקעס
וואָלטן הײַנט באַשײַנט
דעם האַרבסט אין מײַן הויף.

ווען נישט דער בוים,
וואָס האָט זומער גראָד שנייִיק זיך צעבליט
און דו
— מיט לעצט אין דײַן אָטעם —
האָסט מיך געלערנט
ווי צו פלעגן אים און היטן,
ווער ווייסט צי דער זאַפט פון זײַנע פירות
וואָלט ווען ס׳איז געזיסט
און געביטערט
מײַן גומען.

נאָר אַז דו ביסט נישטאָ מער
און נישטאָ שוין דײַן ראַט,
בלויז פאַרשריבן אויף אַ בלאַט איז דײַן וואָרט
און אויף פאַרמעטן גרינע,
צאַפּלט מײַן בוים פאַר זײַן בלי־צײַט
און עס שטאַרן זײַנע צווײַגן אין חמסינען —
מיר קאָנען ביידע קיין רו נישט געפינען.

ג.

וואַלענסיאַ
הייסט דער מאַראַנצנבוים
וואָס איך האָב דאָ נישט לאַנג פאַרפלאַנצט.
נישט ווי חוני,
וואָס איז זיבעציק יאָר געשלאָפן
און דערוואַכט
ווען די אור־אייניקלעך אַרום אים האָבן געטאַנצט.
מײַן בוים —
יונג אַזוי, און מיט בלעטער אָנגעקוואָלענע — ברוסטן,
זייגט אָן די קײַלעכדיקע עפּל
און רייטלט זייער פּנים מיט גינגאָלד —
און איך
און מײַנע קינדער
רוען אין זײַן שאָטן.

זע, אָ זע,
ווי שיין אַזוי דער בוים איז,
ווי שיין די פּירות זײַנע
ווען פייגל אין זײַנע צווײַגן קושן זיך און טוליען
און איך —
פון זײַנע ריחות אָנגעטרונקען
זאָג „מה נאה" גאַפנדיק און שטוין
ווי דער האָניק־זייגער און האָניק־זייגערין
קאַרליק־פייגעלעך, זומערנאַכט־בלויע —
ליבן זיך און פּאָרן זיך
אין זײַן קרוין.

אוי, ווען נישט דער בוים.

אין דערביימער־אַליי

כ׳האָב צוגעלייגט מײַן אויער צום בוים,
צום ערשטן, אין דער אַליי פון די ביימער.
כ׳בין אַרײַן אין אים, אין חלום, און אַרויס
אַן אָנגעקליידטער אין מלבוש פון ביימער.
נאָר קיינער האָט נישט געזען די באַהעפטונג
און קיינער האָט נישט געהערט דאָס גערייד —
פון מיר מיט די ביימער.

כ׳האָב צוגעלייגט מײַן אויער צו דעם בוים
און זיך צוגעהערט צו זײַן זיפצן און וויינען.
כ׳האָב איצט שוין פאַרשטאַנען דאָס געשאָרש —
דאָס גערייד פון געוויקס און פון ביימער.
האָב איך געבעטן דעם הימל פאַר זײַן געזונט,
ווײַל אָט־אָט גייט אים אויס זײַן וועלט,
נאָר אַליין כ׳האָב אין אים זיך געהאַלטן,
נישט צו פאַלן אין דער פּראַכט־אַליי פון ביימער.

זאָל זײַן אַ שווינדלונג איז באַפאַלן מיך אין גאָרטן,
די גאַנצע בריאה האָט ווי אַ קאַרוזעל זיך געדרייט.
ווי די פייגל האָבן געהאָפּקעט איצט די ביימער
און די ערד אונטער מיר אין געהוידער,
בלויז ער פאַרשטאַנען האָט מײַן מורא,
בלויז ער האָט דערפילט מײַן באַדויער.

זאָגט ער: ניטע, ס׳איז נישט גלײַך צו פאַרשעמען דאָ די ביימער —
אין אָנמאַכט אַרײַנצופאַלן אין זייער מיט.
זע, אַנטקעגן האָט אַ רויזנקוסט צעבליט
און ס׳איז נאָך אַלץ נישט כּלו כּל הקיצין,
איז אָט אַ באַנק, אַ געמאַכטע פון אונדזער לײַב,
זעץ דיך. בלײַב אַ ווײַלינקע זיצן.

דער בעז־בוים

דער בעז־בוים,
וואָס שטייט אַ פרעמדער אין מײַן הויף דאָ,
אַן אָפּגעבוימלטער, אַן עלנטער,
בענקט אַהין צו יענער ערד,
צו יענעם לאַנד
פון וואַנען אַהער ער איז דערקומען.

פון בענקשאַפט אַ נאַקעטער
ער שטייט אַן בלעטער חדשים לאַנג
און עס טוט אים וויי, עס טוט אים באַנג.

נאָר אַז די קנאָספּן זײַנע ווערן גרין
און אָנגעפּולט מיט זאַפט,
הערט ער אײַן זיך צום געפּלויש
פון די שטאַמען, און ער גאַפט: —

„נישט קיין שניי דעקט אונדז ווינטער דאָ צו,
נישט קיין פראָסט וואָס פּלעגט דורכנעמען אַלע גלידער,
נישט קייןביימער־ברידער פון אונדזער סגאַל,
בלויז היצן און חמסינען"
ביז —
אונדזער בוים הייבט ווידער אָן גרינען...

און אַז דער בעז הייבט אָן שמעקן
און טוט באַדעקן אַלע צווײַגן זײַנע
מיט בלימלעך לילע,
דעמלט ווערט דאָס לאַנד אים היימיש
און היימיש אים מײַן הויף
און בלויע פייגל קושן
דעם ליל
פון זײַן בעז.

ס׳האָט אויסגעקלאַפּט די שעה

די אַלטקייט האָט אויסגעקלאַפּט די שעה
און באַפוילן דעם בוים ער זאָל פאַרגיין,
זענען די מאַראַנצן פון זיך אַליין געפאַלן,
זיך צעקייַקלט און צעלאָפן צו דער ווייַט.
נאָר דער בוים האָט אין פּייַן צו מיר זיך געווענדט: —
„ווי קאָנסטו צוקוקן אַזאַ גזר און שווייַגן ?!

ווער זאָגט עס, אַז געקומען איז שוין די צייַט,
און איך בין נאָך רייַף, גרין אַזוי און פרוכטיק.
זע, ווי געל עס זענען און ווי זאַפטיק מייַנע פּירות!
אויף די כמאַרע וואָס אַרום מיר ט׳זיך פאַרצויגן
קאָן דאָס גאָלד פון זייער שאָל נישט פאַרגרויען״...

האָבן מיך צענומען זייַנע אויען און די ווייען
בעת דער שטורעם האָט אים רוצחיש אייַנגעבראָכן.
כ׳האָב פון צער קינדיש זיך צעוויינט
און אין מייַן אייגן הויט אַרייַן אַ פאַרשעמטער כ׳בין אַנטלאָפן.

אַ בוים איז אײַנגעפֿאַלן

דאָס האָסט דו מיך גערופֿן אין נאַכט אין יענער
און דײַנע אָרעמס אויסגעשטרעקט — צווײַגן;
דאָס האָסטו, מײַן בוים, אַ פֿון אַלטקייט אײַנגעשרומפּענער,
שלאָגן זיך געלאָזט, שמײַסן, בייגן
פֿונעם שטורמישן רעגן דעם בייזן.
נאָר בעת דערהערט כ׳האָב דײַן קול אַ צעוואָרעמטס
און אַ היץ האָט באַשלאָגן מײַן גוף,
דעמלט ביסטו, בוים מײַנער, אײַנגעפֿאַלן.

אין דײַנע טיולן וואָס רייצן מײַן שלאָף און מײַן וואָר
ביסטו דעמלט נישט געווען אײַנגעהילט —
אין אָט דער נאַכט פֿונעם שטורמישן רעגן,
ווען דײַנע ריטלעך האָבן פֿאַלנדיק געקנאַקט
ווי קנאַקן זיי וואָלטן בעתן ברענען —
ביסטו נישט אַרײַן אין מײַן שלאָף.
נאָר גערופֿן האָסט גערופֿן מיך צו הילף
און געשטרעקט צו מיר דײַנע אָרעמס, די צווײַגן,
און ביסט אויסגעגאַנגען...

איז דער בוים געבליבן ליגן איצט אויסגעצויגן —
אַ בר־מינן פֿון בעט אַראָפּגעהויבן,
דאָס געגאָס האָט געפּלייצט אויף זײַן קאָרע,
וואָס געשיילט זי האָט פֿון אים זיך — מלבושים אָפּגעטראָגענע —
און די עפּל אַראָפּגעפֿאַלענע האָבן באַוויינט זײַן סוף.

...און איך האָב דערהערט ס׳געוויין פֿון דער ערד,
עלעהיי אַ ווײַב וואָס שרײַט אין איר צער: —
ווי לאָזטו מיך דאָ איצטער איבער?!...

אין די סמאָקי־בערג *

רייבערט, רייבערט זיך בערג רײַך־באַוועלדערטע.
עס קאָן דאָך זײַן, אַז אַזאַ רויך איז קיינמאָל נישט געווען.
נאָר מײַן עלנט ווערט דאָ גרעסער, און גרעסער נאָך די ווײ,
ווען איך פאַרגלײַך אײַך צו די בערג פון יהודה.

פון אײַער ליכט, וואָס מיך פאַרכאַפּט דאָ, איך לאָז זיך פירן
ווי אַן אויסגעטראַכטער רייבער־מענטש וואָלט ווײַזן מיר דעם וועג.
פירט עס און פאַרפירט מיך צו ירושלימס גרויע הייכן,
ווו קיין שלום איז נאָך אַלץ נישטאָ — כאָטש שלום איז זייער נאָמען.

איך זע די שלווה וואָס זינגט אַראָפּ דאָ פון אַלעביימער,
די אײַנגעהילטע אין שטוינענדיקסטע פאַרבן,
און איך פיל זיך ווי זײַן איך וואָלט דאָ איינער
וואָס אַן אויסגעטראַכטער סמאָקי־מענטש וויל **די** בערג אים אַרבן.

נאָר איך ווייס:
אַזאַ רייבערער איז נישט געווען און נישט פאַראַן,
כאָטש עס רייבערן די בערג דאָ און הילן אײַן די וועלדער.
פון זייער רויך אין שפּעטן האַרבסט דאָס אתרוג־גרין פאַרגייט דאָ
נאָך שקיעה־רויט און אויסגיי־געל באַקליידן דאָ די ביימער און
באַצירן.

* צווישן טענעסי און נאָרד־קאַראָלײַנאַ, שטאַטן אין אַמעריקע.

ס׳פּאַפּיר רעדט צו מיר

אַז כ׳האָב אַרויפגעלייגט מײַן האַנט אויפן היגן פּאַפּיר
האָט אַ מוראדיקער צאַפּל געגומען מיך וויגן,
ווי ס׳פּאַפּיר וואָלט געכאַפּט מיך בײַ אַ ליגן
און שפּיזט מיך מיט שפּיזן, מיט פּראַסטיק באַריר.

אַ קול האָט זיך דערהערט פונעם שטומען פּאַפּיר: —
פאַר וועמען דײַן שרײַבן? נישטאָ דאָ ווער זאָל לייענען;
אַז די יאָרן **טויזנט** זיך אַליין שוין באַווײנען,
ווער זשע דאַרף דײַן שיינוואָרט, דעם קלאַנגען־וויבריר?

און זע נאָר ווי ער שפּעט. זע נאָר ווי ער לאַכט,
דער, וועמען געבאָוועט האָסט און גרויס אים געמאַכט,
דאָס שיינקייט פון דער וועלט געהיט פאַר אים האָסט.

און איך, דײַן פּאַפּיר, שטאַם דאָך פון יענע פּרוכטיקע ביימער.
נאָך איידער האָסט שרײַבן אָנגעהויבן געזאָגט האָסטו לאמור:
וועסט מיך נישט פאַראומווערטיקן, אַפילו נישט דורכן מינדסטן אות.

רעדט אַזוי צו מיר דאָס היגע פּאַפּיר,
רעדט,
רעדט
און רעדט מיר אויס דאָס בלײַבן אַליין דאָ.

ווען די ביינער?

ויאמר אלי בן־אדם התחיינה העצמות האלה.
(יחזקאל, ל״ז ג׳)

נישט נאָר מײַן לשון באַוויין איך דאָ און באַקלאָג.
כ׳האָב שוין לאַנג צו זיך אַליין געזאָגט:
זע, דײַנע ברידער לויפן פון דיר אַוועק
ווײַט, ווײַט אינעם נישט־באַקאַנטן אַרײַן,
אינעם נישט־באַוווּסטן,
אין אַ גלוסטן אַזאַ
וואָס קיינער ווייסט נישט זײַן אָנהייב און
זײַן סוף.

דעם אַדערויף גיבן זיי שוין יאָרן לאַנג,
זינט יענע געלערנטע האָבן דאָס פּאַרטראַכט:
אָפּגעלאַכט, אָפּגעשעפּעט און פֿאַרמיאוסט
דאָס לשון, וואָס ווערט גאָר שענער יעדן טאָג
און נישט פֿאַרוויסט.
נאָר זיי מיינען,
אַז וואַרפֿנדיק עס פֿאַר די הינט
וועט קומען אויף זיי אַ באַפֿרײַער,
אַ נײַער בן־נון
וואָס וועט זיי פֿירן צום ליכטיקן אַצינד.

האָב איך דערזען דאָ מײַנע ברידער
אין ניו־יאָרק, מיאַמי, טענעסי,
בײַם זונפֿאַרגאַנג און אין סאַמע אינדערפֿרי,
פֿאַרהאַוועטע, פֿאַריאָגטע,
מיט פֿרעגעניש אין אויג,
ווי ס׳וואָלט אַ חשבון אַ מיטנאַכטיקע זיי באַפֿאַלן,
און כ׳האָב אין ווייטיק זיך אַליין געפֿרעגט: —
ווען די ביינער פֿון אָט דעם גאָלדענעם טאָל
דערוואַכן ווען אַ מאָל?!

פאַלן דאָ די בלעטער

ווי אונטערגעשאָסענע פייגל פאַלן דאָ די בלעטער
בשעת די געטער קושן זיך אין באַגער,
ס'איז נישט נעכטן, ס'איז נישט הײַנט, ס'איז שוין שפּעטער,
נאָר **מיר** ווערן ווינציקער און **זיי** — מער.

איך דערהער וואָס עס זאָגן דאָ די ביימער,
כאָטש פון לאַנג שוין איז קראַנק מײַן געהער;
מײַן זײַן זיי שלינגען אײַן, ווײ מיר,
מיר ווערן ווינציקער און **זיי** — מער.

די ביימער שטווינקאָליריקע ווייסן דעם אמת,
זיי דערפילן ווען הערצער ווערן לער.
זיי זענען עדות פונעם סימן און פון רמז,
אַז —
מיר ווערן ווינציקער און **זיי** ווערן מער.

זע, ווי ליידיק

אינעם רײַכסטן לאַנד ווערט לער דײַן הויז.

האָסט נישט פאַרהיט די אויסגעבליבטע פון אויסצוגיין אין זייער נויט,
האָסט נישט געוואָרנט דײַנע קינדער פאַר דער פּלאָג פון פאַרגעסן.
גריזשען ווערעם די היכלות און דײַנע גיטער ווערן לער
און צאַנקען צאַנקט דאָס ליכט פון דײַנע שטורקאַצן.

האָסט נישט געלערנט דײַנע רײַכע שפּאָרן גוטס פאַר שלעכטן טאָג,
האָסט נישט באַפוילן דײַנע דינערס צו האַלטן ריין די פּאַלאַצן.
שרומפּן אײַן זיי, ווערן מינער, שלינגען אײַן אויך דײַן זכר,
בעת דו וועגסט נאָך אַלץ שטראָף־און־גאָב אויף הימלישער וואָג.

זע, ווי ליידיק עס ווערט דײַן הויז אינעם רײַכסטן לאַנד.

נאַקסוויל, טענעסי, האַרבסט, 1982

רויזן קוקן אַרײַן צו מיר

א.

די וואַנט,
וואָס שיידט אָפּ מײַן צימער פונעם גאָרטן,
האָט אַ פענצטער מיט אַ לאָדן.
אין טעג פון פרייד,
אין טעג פון אומעט,
אין שעהען פון זכיה אָדער שאָדן
קוקן דורך אָט דעם פענצטער צו מיר אַרײַן
פון זון צעפלאַטערטע
רויזן.

דאָס הייסע קול
וואָס שאָרשעט מיר אין אויער די ווײַסע רויז
מאַכט מיך פריידיק,
מאַכט מיך דורשטיק־וויליק.
איך טרינק דאָס האָניק־לשון פון יעדער בלעטל אירס,
פון יעדער בלאַט
און ענטפער איר מיט האַרץ
צאַרט, ווי צו אַ קינד,
ביז דער טאָג פאַרגייט,
ביז די זון פאַרשווינדט.

ב.

אין דער פרי,
אַז איך מאַך דעם לאָדן אויף צום הויף,
צעשמייכלען זיך די רויזן
מיט רויזן־שמייכלען רייצנדיקע,
מיט מאָרגנדיקן לויב.
איך טראָג זיי אָנטקעגן מײַן „גוט־מאָרגן"
מיט אויגן־גלעט און פרייד
און זיי —
באַשמעקן מיך מיט זייער חנעוודיק גערייד:

אָ, ווי גוט איז וואָס דו קוקסט אויף אונדז מיט ליבע
און די ריחות אונדזערע דו שלינגסט — נעקטאַר,
דערפאַר
מיר צירן זיך אין אָט די פאַרבן אַלע —
פאַר דיר.
פאַר דיר.

אַזוי וועל איך פרעגן

אַזוי וועל איך פרעגן בײַם טאָג דעם העלן:

„אומעטום ווו איך וועל דיך שיקן זאָלסטו גײן" —
האָט גאָט, דער האַר, געזאָגט צום נביא.
און מיך שיקט שוין לאַנג נישט קײנער,
ווײַל איך בין אַפילו נישט קײן אײניקל דעם נביאס.

„און אַלץ וואָס איך וועל דיר באַפעלן זאָלסטו רעדן" —
איז געווען צו אים די שטים פון דעם באַשעפער.
און איך רעד אַלץ נאָך וואָס די הערשער מיר פאַרווערן
און דעם „שכר" איך טו אַליין דעם וועג פאַרלויפן.

וואָס זשע זאָל טאָן אַ נאַר אַזאַ, אַזאַ מין אײנער,
וואָס איז מיט אומוויסיקייט באַלאָדן
און מיט אויגן צוגעמאַכטע ער גײט דורך ס'לעבן,
מיט פאַרטריפטע, ווי לאה'ס, פאַר דער מורא פון נישט־געפעלן?

אַזוי וועל איך פרעגן בײַם טאָג דעם העלן.

צעפרילינגטער האַרבסט

א.

דער האַרבסט איז הײַ־יאָר גוט געווען צו מיר,
מיט לויטערע סוכות־טעג מיך באַשאָנקען.
דער רעגן, אַ מזל־ברכה׳קער,
איז אין אלול־נאַכט מיט בשורה אָנגעלאָפן,
שמייכלענדיק געגאָסן און געפּלייצט.
האָט די זון אַ ברען געטאָן אין באַגין,
די גאַסן אויסגעטריקנט און צעפּאַרעט —
ס׳האָט שפּעט־זומער שטיפעריש געפּרילינגט.

דער האַרבסט, מיט חמסינען צעבאַלעוועטע,
האָט זוניק הײַנט באַזינט מײַנע רעגנדיקע נעכטנס.
וויפל זענען זיי? וואָס איז זייער צאָל?
מיטאַמאָל קומט צולויפן אַ זומערטאָג אַ בלאַסער,
מיט וואָלקנס — ראָבן, וואָס פּיקן אויס די זון.
אַ בײַל אויפן שטערן. מײַן זומער־בגד צעריסן,
און די טרערן רינען און פליסן, צוזאַמען
מיט מבולדיק געפּליוך אין חודש תמוז.

הער איך נאָך איצטער דאָס געוויין מײַן מאַמעס
אויף מיין הולך און אויסזע. נאָר עס רירט נישט איר וויינען,
ווײַל אירע אויגן זענען ממילא שטענדיק פאַרצערט און פאַרגאָסן,
און אַז אַ יונגע און שיינע זי איז אונטער דעם שטיין שוין געלעגן
וואָס מײַן טאַטע האָט איר געשטעלט, בלײַבנדיק אַן אלמן,
זענען אויך דאָרט אירע טרערן גערונען און געפלאָסן...

גערונען און געפלאָסן — פון וואַנען אַזאַ טראַכטן?
נישט אַנדערש, דער חלום וואָס יאָגט מיך נאָך
פון דאָרט ביז אַהער, און לאָזט קיין מאָל מיך נישט אָפּ,
דערציילט מיר דאָס נאַכט בײַ נאַכט און טאָג בײַ טאָג.

ב.

פון חלום אַ געבונדענער, אַ פאַרשפאַרטער,
כ'זע דאָס אַלץ און קאָן דאָס נישט פאַרגעסן,
ביז מײַנע טענות גייען אויף צו די הימלען פאַרמאַכטע
און קומען צו מיר צוריק אין די נעכט
שלאָפלאָזע, וואַכע.

נאָר דער האַרבסט איז אַזוי שיין דאָ,
כאָטש נישט אַלעביימער הי וואַרפן פון זיך די בלעטער
און ענדערן די פאַרבן,
און דער זומער וויל נישט שטאַרבן אין אַזעלכע טעג. —
שפּעטער, שפּעטער...

און אַז עס כאַפּט דאָך קיין שלאָף מיך נישט
ביז דער מאָרגנשטערן ווערט בלאַס, בלייך,
ווייס איך:
דאָס איז די שטראָף פאַרן וועלן פאַרגעסן דעם דאָרט —
אם־אשכחך...

אויסגערונען

די צײַט איז אויסגערונען דורך די פינגער מײַנע,
די וואָלקנדיק-צערונצלטע, געלע,
כ׳האָב דערזען די מיידלער גוטשע, רעלע,
די הונגעריקע מיידלער פון מײַן גאַס,
און פאַרשטאַנען: —
דער באַגינען איז דערקומען צו מײַן שקיעה.

דער פאַרגיי פון אַן עלנטער בריאה
האָט אײַנגעשטילט דעם גלאָק
וואָס רופט צו תפילות און אַליאַרמען.
ווען מײַן האַרץ וואָלט געקאָנט זיך איצט דערבאַרעמען
אויף אַלץ וואָס אָפּגעשווומען,
אָפּגעפלאָסן
און פאַרגאָסן די פעלדער פון געוועז,
וואָלט אוודאי לויטערער געוואָרן מײַן זעז.

איז אָבער דורך די פינגער מײַנע
די אויסגעדוכנטע,
צערונצלטע,
געלע,
די צײַט אויסגערונען ווי אויף באַפעלן
און מיך אַרומגענומען מיט זיבן מורא׳ס.
ווי דער אייביקער טרויער איז —

אַ נעפּל אין מײַן ראיה.

מייַן געשטעטנע רו

שוין דער זיבעטער טאָג אין דער וואָך,
שוין דער זיבעטער טאָג אין חודש
און עס וויינט די נשמה נאָך רו.

נאָך רו — ווײ איז מיר! —
רו אויף צוגעזאָגטע באָרטן,
רו און שטילשווייַג אין חלום־גאָרטן.
נאָר דאָרטן
לויפן אַלץ נאָך אום ווינטן
און פלעדערמייַז
און פליִענדיקע שלאַנגען,
און מייַן האַנט קאָן שוין נישט דערלאַנגען
צו אָט דער רו, דער אויסגעגאַרטער.

אוי, שוטה איינער, פאַרנאַרטער־אָפּגענאַרטער —
ווו איז עס דאָס ליכט פונעם טאָג,
די שייַן פונעם חודש
וואָס איר בשורהדיקער סימן איז... זיבן?

ס׳אָ ליגן אַז כ׳האָב דיך נישט באַגערט,
דיך נישט געוואָלט;
ס׳אָ ליגן אַז כ׳האָב דיך נישט געהאַט האָלט
אין אַלע טעג פון אָנהייב, פון דייַן ווערן.
נאָר דו ביסט אַוועק צו אַנדערע זיך נערן
און די **זיבן** מיטגענומען ווי דייַן צייכן,
און איך לויף נאָך דייַן צוזאָג פון דעמלט אָן
און קאָן נישט
און וועל אים אפשר קיין מאָל,
קיין מאָל
נישט דעגרייכן.

אין דטן נאָוועמבער

די בערנפעל

דער הונט מיטן בערישן פנים — אין בערנפעל געהילט —
וואָס דרייט זיך אַרום אין מײַן גאַס
און זוכט דעם ביסן פֿאַרן הײַנט,
איז פֿון יורה־רעגן געוואָרן נאַס
און אַן עלנט האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זײַן צורה.

האָט די שורה מײַנע אַזש אַ שפּרונג געטאָן אין ציטער,
זיך אײַנגעדרייט אין דרײַען,
ווי זי וואָלט זיך האָבן אָנגעקלאַפּט אין טויבער וואַנט,
און אין מײַנע אויערן גענומען שרײַען:
געדענקסט די בערנפעל פֿונעם כראַביע קאָניעצפּאָלסקי,
וואָס דײַן זיידע האָט אָנטאָן זי געמוזט
אין סאַמע ערב פּסח,
כדי צו טאַנצן פֿאַר אים דעם „בער” —
פֿאַר דער לופֿט, דעם כראַביעס, וואָס דיין קהלה אָטעמט,
פֿאַר די גענדזן־פֿעדערן אין ייִדישע איבערבעטן,
פֿאַרן האָלץ, פֿאַרן קאָרן, פֿאַר די גערשטן...

און ווי ער וואָלט אין גאָלד פֿאַרגעסן — אַלץ אַזוי געפּרטימט,
און מײַן זיידן ווילד געשמיסן: — „**טאַנץ**! —
טאַנץ, אַז די געסט מײַנע זאָלן פֿריילעך קײַכן”,
און דער זיידע, אַ דערשלאָגענער, אַרויסקומען זאָל גאָר גאַנץ...

נאָר דער הונט איז מער נישט ווי אַ הונט
און זײַן נאַסע פֿעל איז אַ הינטישע און גאָר,
און דער אַרום איז טראָגעדיק און בלײַאיק,
און זכרונות, כאָטש צעוווּנדיקטע, זענען פֿלײַאיק
און קומען ווי די פֿייגל צוריק אַהיים
פֿון יאָר צו יאָר.

אַ תפילה צום וואָרט

וואָרט פון מײַן גאָרן, כ׳וועל דיך זעצן אויבנאָן
און וועל דיר שענקען דעם ווײַ־לוין פון שווײַגן;
פון צווײַגן כ׳וועל דיר פלעכטן אַ היכל
און סטעזשקעס צו אים שפּרייטן פון גראָזן,
נאָר קום און נעסטע אויף מײַנע לעפּצן —
וואָרט.

כ׳וועל דיך הילן אין טיולן פון רזין דרזין.
דיך זאַלבן מיט אײלן די בעסטע,
אין רעגנטעג קאַלטע וואַרעמען איך וועל דיך
און דיך קילן מיט אַ קילונג — זומער.
דער קומער וועט זיצן בײַ דײַן רעכטער האַנט
און די פרייד וועט גלעטן דײַן לינקע,
נאָר קום און זײַ מיר אַ בעטער —
וואָרט.

ס׳איז דאָך פּאָרט אָנגעקומען שוין די עלטער,
מיט אַ ווײַסקייט פוןווינטער אויף מײַן דור;
דער האַרבסט טרייסלט אָפּ שוין די בלעטער
און די שיפן דערווײַטערן זיך פונעם פּאָרט;
די פייגל ציִען אומעטיק קיין דרום
בעת מיך קלעמט אַ שטומקייט און ווערגט,
איז קום, זײַ אַ מליץ מיר, אַ שיצער —
תפילהדיק וואָרט.

כ׳וואָלט וועלן

כ׳וואָלט וועלן אַ לאַך טאָן צו דיר,
וואָרט מײַנס,
אַ שטיף טאָן מיט דיר
ווי מײַנע יונגע קאָלעגן.
כ׳וואָלט וועלן, ווי זיי,
זײַן בייגעוודיק,
עלאַסטיש,
כדי פּלאַסטיש דיך ניצן,
מיט דיר מאָלן און צירן,
ביז כ׳וועל דיך און מיך
אין חלום אַרײַנפירן.

איז די צײַט, אָ, וואָרט מײַנס,
אויסגעלאָפן,
ווי מילך אויפגעזאָטענע;
די שעהען אויסגערונען
צווישן מײַנע פינגער ווונדיקע.
ווערט דערפון נישט לײַכטער,
נישט גרינגער,
נאָר דו, מײַן וואָרט, גייסט אויס,
גייסט אײַן
און איך
ווער נישט ייִנגער.

שטיל

ס׳איז שטיל.
ס׳איז שטילער נאָך פון שטיל.
פאַרטויבט איז די גאַס.
פאַרטויבט.

נאָר פון וואַנען קומט דער טומל? —
איז דאָס רויש און גערעש פון הימלען
וואָס קומען מיט פײַער און אַש,
מיט מבול־געפלייץ
דאָס רשעות איבערצושרײַען,
דאָס שלעכטס פונעם מענטש —
ביז אַלע וועלן ווערן געריבט?...

ס׳איז שטיל.
ס׳איז שטילער נאָך פון שטיל.
פון די הייכן בענטשט אַ מויל
ס׳נידעריקסטע גרעזל,
ס׳זאָל וואַקסן,
ס׳זאָל געדייען,
איבער די צײַטן זאָל גרייכן דאָס גוטס
פאַר קינד און קייט,
פאַרן גאַנצן באַשאַף —
גלײַכערהייט.

נאָר אין רעש און אין רויש פון די ווייען
איז שטיל די שטאָט,
שטילער נאָך פון שטיל.

און עס צייטיקן מאַראַנצן

נעפּלגרוי פֿאַרציט די שויבן פֿון מײַן פֿענצטער —
אַ פֿאָרהאַנג צווישן טאָג און דער נאַכט.
דער ניגון פֿון ערב־וואָר אינעם דעמער
לייגט זיך ווי אַ שטיין אויפֿן האַרץ.
קומט צו גיין די דערמאָנונג אינעם הונגער
וואָס האָט געפּײַניקט יאָרן־לאַנג, לאַנג,
און מיט פֿאַרפּרעסטע ליפּן ער ווינטשט מיר:
אַ גוטע וואָך. אַ גוטע וואָך.

נײַוואָך. אָוונט. נאַכט.
דער עלנט לויפֿט אַרײַן אין מײַן שלאָף
און וויל פֿאַרשפּילן זיך אין חלום פֿון נישט־געשטויגן.
מײַנע אויגן זענען שלאָפֿע
און שלאָפֿערהייט זיי זעען דעם הימל אָן שטערן,
נאָר מײַנע אויערן, די אָנגעשפּיצטע, הערן
דאָס געוואָי פֿון הונגעריקן הונט בײַם קרײַצוועג.

דאָס געפֿלייץ פֿונעם כסלו־רעגן פֿאַרשווענקט
פֿעלדער,
וועגן,
טראָטואַרן;
עס דראָט סכּנה און געפֿאַרן פֿון פֿאַרלענד,
ווי ס׳געמיט בײַם צעשייד פֿון די וואָכן.
דער הימל איז פֿאַרחושכט מיט טראָגעדיקע כמאַרעס,
בשעת די בשׂורה פֿון צעוואַקס דערהערט זיך
און עס צייטיקן מיט גאָלד־געזאַנג די מאַראַנצן.

הימל אין גרוי

טבת.
דער הימל האָט זיך אָנגעקליידט אין גרוי.
פון נאַכטיקן טוי איז געוואָרן וואַסער
דעם גאָרטן אין זײַן דורשט אָנצופּאָיען.
פּייגל — פּיצעלער, שוואַרץ־בלויע —
פּיקן אויס די שעהען פון פרימאָרגן.
און איך מיט דיר, מיט קאָפּ אין די וואָלקנס,
קוקן זיך די אויגן אויס אין אָט דעם גרוי.

טבת.
אָט־אָט וועט אַ רעגן אַראָפּ פון די הייכן.
וועט פאַלן,
נידערן,
גרייכן פעלדער, גערטנער,ביימער
און אַז דער רעגן־בויגן וועט שפּעטער זיך באַווײַזן
און אין אים — די פאַרבן פון מיין חלום,
פון מיין געמיט,
פון מײַן ליד,
וועל איך שרײַען: וויי איז מיר,
וואָס מיינט ער אָט דער צייכן —
מלחמה ווידער, צי גאָטס הבטחה ער וויל דערמאָנען?

שטיי איך מיט דיר צוזאַמען
און ווייס נישט צי זאָל איך וויינען,
צי בעטן גאָר ביים שׂר פון רעגן — אויף רעגן,
ביז עס קומט אַ מלאך מיט פליגל זעקס
און לאָזט אַרויס די ווינטן פון די צאַמען
און צוזאַמען זיי פאַרטרײַבן די כמאַרעס און פאַריאָגן
און ווידער טוט דער רעגן זיך פאַרזאַמען.

און דער הימל איז אָנגעקליידט אין גרוי.

פּאַרפּלאָנצט

כ׳האָב היינט פּאַרפּלאַנצט צווייביימער אין גאָרטן,
אַן ער און אַ זי, ווי אין ספר שטייט געשריבן.
אויפן אָרט פון די וואָס די זיקנה האָט צעריבן —
נייע צוויי ביימער אין מיין דלת־אמותדיקן גאָרטן.

כ׳האָב היינט פּאַרפּלאַנצט פּרוכט־ביימער צוויי —
„צוויי פון איטלעכן זאָלן צו דיר אַריין גיין״...
ווי חוני המעגל — אין מיין גאָרטן אַליין
כ׳וועל ליגן און וואַרטן, וואַרטן אויף זיי

ביז אין טראָגן זיי וועלן פאַרגיין אין אָט דעם פּיצעלע גאָרטן —
ביז באַוווינט ס׳וועט ווערן מיין איינזאַמער באָרטן,
וואָס אין אים קיין רו כ׳האָב נאָך אַלץ נישט געפונען.

נאָר יום־טוב איז פאַראַן דאָ, און דער שפּרינג־פויגל אין בלאָ,
און דאָס העמד איז צעווינטיקט אין מיאיקער שעה —
און עס שיינט דאָ אַ שיין פון פּאַרבאָרגענע זונען.

באר־שבע

זיבן לעמער שטייען תמ׳ע
און וואַרטן,
וואַרטן אויף דער שבועה.
זיבן לעמער — עדות זיבן,
האָט זיי אברהם געשטעלט באַזונדער.
וועקט מיך אין אַנגסט די מאַמע
בעת דער שטערן לײַכט אַריין אין מײַן שויב:
ס׳איז הײַנט יום־טוב אין באר שבע,
שטיי אויף צום נײַעם וווּנדער, שטיי אויף!

שטיי איך אויף און דערזע:
זיבן לעמער בײַ דער ברונע
ווערן קי — זיבן פּעטע, זיבן דאַרע,
און אַ ווירבל־כמאַרע פאַרשטעלט די זון
פון תמימותדיקן אַמאָל ביז האַרטנעקיקן הײַנט
אין מיטן בלויען טאָג,
שיק איך אַוועק דעם חלום און בן־פּורתס באַשייד
און מאַך זיך גרייט צו דעם וואָס עס קומט.

ברומט אין מיר און ברומט:
פאַרוואָר, פון באר שבע ביזן לאַנד מוריה
איז אַ קרבן־שפּרונג פון דורות און פון צײַטן —
בײַטן זיך און קראַכן די ווײַטן,
און דאָס שלאַכטמעסער, ווי אַ פאָן, פלאַטערט אינעם ווינט,
שרעקט די שאָף
און עס ציטערן די לעמער,
נאָר זייער האַר גייט צוריק אין רחמים קיין באר שבע
פלאַנצן נײַע ביימער.

ליכט פון מײַן גאָס

מיט ברכות אויף די ליפּן
האָט זיך הײַנט באַוויזן אין מײַן שויב
דאָס ליכט פון מײַן גאָס.
די טורקלטויב, אַנטקעגן אויפן בוים,
האָט מיטן רעכטן אויג געלויכטן
און מיטן לינקן — געלאַכט.
און אַז זי האָט אַזוי געלאַכט
איז טיף־בלאָ געוואָרן די נאַכט.

דעמלט
האָב איך גראָד די לידער מײַנע פון פּאַרנאַס צוריקגעבראַכט.
זיי אָפּגעראַטעוועט פון לעצטן פּאַרשעם.
כ'האָב אין אַנגסטן איבער זיי געוואַכט
און זיך צוריקגעקערט צו זייער אָנהייב,
צו זייער געבויער.
האָט דער שׂר פון שירה מיר אײַנגערוימט אין אויער: —
ציטער נישט, עבדי יעקב,
האָב נישט מורא, יעקב מײַן קנעכט,
ווײַל דו האָסט אײַנגעפלאָכטן אין זיי אַלע דײַנע נעכט
און טעג
רוט אויף זיי דאָס ליכט פון דײַן גאָס.

בת־קול פון פאַרשווינדר

אין טרויער אויסגעוואַקסן

זי איז נישט געווען קיין שיינהייט.
זי איז געווען יונג, צאַרט, אין איר אומעט־שלייער צעשמייכלט.
און מיך האָט צו איר געצויגן אין חלום און אויף דער וואָר.
נאָר
אַז אירע חסדים זי האָט אָנגעהויבן פאַרצוברענגען,
פאַרלאַנגט מ׳זאָל פון איר מאָגער לײַב געניסן
און איר פרויענשאַפט מ׳זאָל דערקענען,
וויסן,
האָב איך מײַן רו פאַרלוירן און שיר נישט —
דאָס געוויסן.

זי איז נישט געווען קיין שיינהייט
נאָר יעדער אירס אַ בליק —
אַ בליץ אויף אַ הימל אַ שוואַרץ־פאַרכמאַרעטן,
און יעדער אירס אַ וואָרט —
אַ מאַמע־גלעט וואָס היילט דיך אויס פון טרויערן,
האָט איר בליק באַלויכטן אונדזער פנים אין אלע שעהען פון מעת־לעת
און איר וואָרט איז דערגאַנגען צו אונדזערע אויערן.

זי איז נישט געווען קיין שיינהייט
נאָר איר חן האָט געטריפט ווי קילע טראָפּנס טוי
אין הייסע נעכט פון זומער,
אין נעכט פון היץ־חמסינען,
און אַז חברה איז צו שלאַכטן אויף איר באַפעל אַוועק
און צוריק פון דאָרטן נישט געקומען,
איז זי, אין טרויער, רײַפער אויסגעוואַקסן,
מיט תאוה — פולער נאָך ווי פריִער,
אויף די ביינער אירע פלייש אַרויפגענומען,
לײַב
און געוואָרן —
ווײַב.

לויפט אַרום דער טרויער

הללויה! — שאַלט אַרויס אַ ניגון
פונעם קוסט,
זײַ געלויבט! — ענטפערט אָפּ אַ שוואַלב
אַרויס פון נעסט.
נאָר
אַז קיין **שלמה** איז נישטאָ,
נישטאָ מער ווער זאָל דאָס פאַרשטיין,
יאָגט זיך אום דאָ, ווי פאַר כּל־נדרי,
אַ ווינט פול געוויין.

כ'האָב דיך ליב! — זשומט אַרײַן די בין
דער בלום אין אויער,
כ'האָב מורא! — שרײַט אַרויס פון שלאָף
אַ קינד — מאַמע!
נאָר
אַז אַ האַרץ וואָס זאָל דאָס דערפילן איז נישטאָ
און נישטאָ ווער עס זאָל דאָס רופן הערן,
רינט אַ וואַסער אינעם ראָוו —
אַ טײַך פול טרערן.

זײַט געזונט! — שרײַט אויס דער זון
און לאָזט זיך גיין,
פאַרגעס מיך נישט! — זאָגט דאָס ייִנגל צו זײַן מיידל
און לאָזט זיך לויפן.
און אַז דער וועג ציט זיך ווײַט
און נאָענט איז די קויל וואָס טייט,
לויפט אַרום אין גאַס דער טרויער
און באַפעלט:
זײַט גרייט!

נישט איבערגעהיפּערט

ס׳איז הײַנט יאָרצײַט נאָך מײַן מאַמען.
ס׳איז פּסח הײַנט. אַ בלאַט מישט אַ בלאַט. און
משה האָט געזאָגט צו די עלטסטע פון ישראל:
„איר זאָלט נעמען אַ בינטל אזוב־גראָז
און אײַנטונקען אין דעם בלוט וואָס אין בעקן,
און איר זאָלט צורירן צו דעם אויבערשטידל
און צו די בײדע בײַשטידלעך, פון דעם בלוט וואָס אין בעקן,
— — — און אַז גאָט וועט דורכגײן צו שלאָגן מצרים,
וועט ער זען דאָס בלוט אויפן אויבערשטידל
און אויף בײדע בײַשטידלעך
און גאָט וועט איבערהיפּן איבערן אײַנגאַנג
און ער וועט נישט לאָזן דעם אומברענגער אַרײַנקומען אין אײַער הויז"
און בײַ אונדז איז נאָך הײס דאָס בלוט אויף יִדישע טירן,
אַ געשפּרענקטס מיט דורותדיקן צער,
און דער אומברענגער האָט נישט איבערגעהיפּערט.

הער איך דאָס בעטן אין אַט אַ דער נאַכט:
דערבאַרעמדיקער, לאָז די קינדער קומען צוריק אַהײם.
דאָס בליִעכץ פון מאַראַנצן־בוים איז ווײַס שוין ווי דאָרטן דער שנײ.
די ספירות לײַכטן אַרײַן אין דער פריזומערדיקער שײַן.
נאָר ווײ צו אונדזער פּײַן און ווינד,
אונדזערע בײַשטידלעך האָט דײַן מלאך נישט איבערגעהיפּערט.
אַהײם איז נישט געקומען דאָס קינד.

ס׳איז הײַנט יאָרצײַט נאָך מײַן מאַמען.
ס׳איז פּסח הײַנט. אַ בלאַט מישט אַ בלאַט.
ס׳איז טאָג פון יציאת מצרים.
נאָר איך זע דאָ בלויז פּנימער מיט צעווײטיקטע הוויות
און ווײאיקן געשרײ: —
פאַרוואָס האָסטו נישט איבערגעהיפּערט איבער אונדזערע הײַזער?!..

מיטאַמאָל...

מיטאַמאָל וועט אַ גוטסקייט דיך באַפאַלן
און וועט שאַלן — אַ שופר של משיח;
גיך, גיך
וועלן גלייביקע באַוווּנדערן דעם בײַט
און זיך בוקן פאַרן חסד
וואָס איז געקומען אַ פאַרשפעטיקטער,
נאָך דער צײַט.
נאָר דו, אין דײַן געטלעכן ברומען,
וועסט בלײַבן צוגענאָגלט צום פעלדז
מיט קין־צייכן אויף דײַן שטערן.

דער קאָרשון, וואָס וועט פיקן דײַן געהירן
און דער אָדלער וואָס וועט פרעסן דײַן האַרץ,
וועלן פאַלן פאַרסמ׳טע פון אָט דעם פרעס.
נאָר איך, כאָטש בטבע איך פאַרגעס,
וועל איצט האַלטן וואַך מײַן צעוווּנדיקטן זכרון,
און צוזאַמען מיט די
וועמענס הערצער האָסט בלוטיק צעשטאָכן
וועל דעם דיכטערס געשריי צו דיר שרײַען: —
אָ, מיין נישט, אַז לית דין ולית דיין.

מלחמה

איך פיר שוין ווידער מיט דיר מלחמה —
מלחמה,
איך בין שוין ווידער אין פּחדים אײַנגעטונקען
ווי אַמאָל,
און שנאה פליסט, און פאַרגיסט מײַן גאַס —
מלחמה!

איך שפּאַן שוין ווידער אויף סטעזשקעס טרויער —
מלחמה,
האַרמאַטן־הילך שנײַדט דורך מײַן אויער
ווי אַמאָל,
און יאוש־פרייד טאַנצט אויף פּלאַזשעס און קאַפייען —
מלחמה!

איך זע שוין ווידער כּלות זוכן די חתנים
אין מלחמה,
כ׳זע, זיי וויינען און מיט אַנדערע זיך טרייסטן
ווי אַמאָל,
נאָר מאַמעס און טאַטעס ברעכן אײַן און דערגייען —
ווי אין אַלע מלחמות.

אַ פֿאַרנאַכט אין קילן געל

אַ פֿויגל, אַ גרוי־בלויער,
האָט זיך געשטעלט אָוונטן אויף מײַן פּלויט
און אויסווייַנען דאָס אָפּגיין פֿון טאָג.
פֿון אַלע פֿיר זײַטן — אַ צווײַגנדיק געקלאָג
מיט געזאַנגען כאָריקע בײַנאַנד,
עלעהיי נעילה האָט געגידערט אויף מײַן גאָרטן.
האָט אַ שטערנבליץ דעם מעליאָבוים דורכגעבויערט
און זײַנע בלעטער — דער פֿאַרנאַכטנווינט צעטריבן,
ביז אַליין ר׳איז געבליבן ווי אין לויער.

דער פֿויגל, דער בלוי־גרויער, דער מעליאָבוים
און איך
האָבן רמחמימדיק געפֿרופֿן דעם יורה.
צום פֿרירעגן אַ פֿליגל אויסגעשטרעקט,
אַ האַנט מיט נאַכט אין די געוועבן.
האָט אַ פּליוך געטאָן מיט גוטסקייט אינעם טויער,
מיט ווילד־געיאָג, ווינטיקער פֿון ווינט,
ערשט אַצינד
האָט אַ הויערן זיך צעהויערט אויף מײַן שוועל.

איז דאָס פּרדס־גרין געוואָרן איצטער געל
און געלער — דער גרויער בין־השמשות
וואָס געררונען איז אַ טריבער פֿון די פֿינגער.
און איך —
וואָס אַ רייצונג איז באַפֿאַלן מיך, אַ בענקונג,
ווי מיטן דונערן און בליצן
ווערן איך וואָלט ווערן איצטער יִינגער,
האָב צו זיך אַליין געזאָגט: —
כ׳וועל סײַ ווי אין זכרון דאָס פֿאַרקריצן;
כ׳וועל זיי געדענקען די קילע פֿאַרנאַכטן,
וואָס אַ פֿרייד רײַסט זיך דורך דורך זייער געל
ווי דורך פֿײַערדיקע שלאַכטן.

פייגעלער גרויע

באַגינען,
אַז כ׳בין אַרויס געבן וואַסער מײַן אַסקעדיניע,
איז דער טוי נאָך געלעגן אויפן בוימס צווײַגן
און געזילבערט זײַנע בלעטער, די אַליווע־גרינע.
צוויי פייגעלעך האָבן ציטערנדיק זיך געקושט
אויף זײַנעם אַ ריטל —
שפרינגענדיק פון אַ צווײַגל צו אַ צווײַג
געשלונגען דעם ליבעזאַפט,
געשלונגען.

ווײַל די פײַער־שאָסן מאָנסטערדיקע,
וואַרפן אײַן די צעדערס אין לבנון
צוזאַמען מיט די העכסטע און מינדסטע הײַזער,
זענען זיי — היימלאָזע, אַנטלאָפענע פון דאָרטן —
געקומען זיך ליבן אין מײַן קוים־קוימיקן גאָרטן.

האָבן די פיצעלעך, די גרויע,
מיט בײַכעלעך געלע און שנאָבלען שוואַרץ־ברוינע,
אויסגעשפילט אַ ליבע דאָ עולמדיק ומלואו.

האָב איך צו זיי אַ זאָג געטאָן: —
אַ גוט־מאָרגן אײַך, פייגעלעך! — און באַוווּנדערט
ווי זיי שפּיגלען זיך אין טוי, אָט די פיצעלעך, די גרויע,
ערשט אַ שפּאַרבער לויפט פאַרבײַ, — אַ שאַקאַל איבער היגלען —
און פאַרטרײַבט זיי פון זייער ליבע־בעט — מײַן בוים,
און פון זײַנע טויִקע שפּיגלען.

פון דעמאָלט אָן

דאָס ראָד איז נישט געבליבן שטיין
ווי ס'האָט געזונגען אַמאָל דאָס ליד.
אויך די מוזע פאַרשטומט נישט, כאָטש
עלעקטראָנען־שאָסן הילכן אָפּ מיט סיני־הילכן.
מײַן חבר בלויז
פלייצט מיט טרערן אויסגעטריקנטע,
אַן איינגעשלאָסענער אינעם איינער אַליין —
אַ פאַרלוירענער שטערן.

אַ שטערן האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן דאַר
און אַראָפּגעזונגען איציקס לידער.
צעטרויערט ווי מײַן חבר נאָך דער בראָך
זענען שטערן זיך צונויפגעקומען
מיט־צו־זינגען נאָך און נאָך,
מיט־צו־קלאָגן,
און —
איינציקווײַז אויסגעגאַנגען.

איז אַ קאַלט אַזאַ וויסטע אַרײַן אין מײַן נאַכט
און אַ היץ אַ בייזע גענומען וואַרגן מײַן טאָג
פון דעמלט אָן.

תמוז תשמ״ב

רויט פון שאַנד

כ׳האָב אַ מאָל געשפּילט אַ ליבע —
אירע זאַפּטן כ׳האָב געטרונקען ביז שיכּור,
זענען געקומען נפילים אין זייַן געשטאַלט
און אויסגעריסן דעם עיקר.

כ׳האָב אַ מאָל געשפּילט אַ ליבע
און איך האָב געמיינט —
אוי, וואָס איך האָב אַלץ געמיינט!
האָבן באַפעלער־קאָמאַנדירן
אָנגעצונדן עמורה־שריפה׳ס
און פון מיינען מיך אַנטוויינט.

איצט,
אַז אַ קעלט אַזאַ האַרבע
קילט אויס די פרייד פון מייַן לאַנד
און אַ ציטערניש שוועבט אַרום —
רויבפייגל איבער דעכער,
(בעת די טריט גייען חלומענדיק צום תהום,)
זע איך הימלען בלייַיקע
אַראָפּנידערן צו מייַנע אַקסל
און צוזאַמען
מיר ווערן רויט פון שאַנד.

גערויין פון אַ טאַטן:

— יעקב גוטערמאַנען

„ביסט אַוועק פון מיר. אַוועק.
און איך בין דיר נאָכגעגאַנגען ביזן בופּאַר,
ביז צידון,
ביז צור,
ביז אַרײַן אין דער נאַכט.
און אַז אַלע חיילות האָבן שוין גערוט
האָט אַ טראַכטונג אין מיר זיך דערטראַכט:
אַזוי גייט אַוועק אַ ליבע
וואָס רײַסט זיך איבער אין סאַמע מיט.

ביסט אַוועק פון מיר — ווי איז מיר —
ווי אַ חלום פאַרשוועבט,
ווי אַ זעונג,
אַן אידעאַל.
און איך האָב דיך געגליכן צו דער נאַכטיגאַל
אינעם דיכטערס ליד
און פאַרשטעלט מיט דיר כסדר
אַלע פּײַנען וואָס בריִען.

איצט, אַז אַלץ מיט דיר איז אַוועק
און אַן דיר כ׳בלײַב אַליין, אַליין,
פאַרגלײַך איך דיך צו אַ ליבע
וואָס רײַסט זיך איבער אין סאַמע מיט.
נאָר איך, וואָס האָב אַזוי דיך ליב,
שלײַך מיט אויגן צוגעמאַכטע
אין דײַנע
אויסגעגאַנגענע
טריט״...

אַ גבעון־זון אין מיטן הימל

איך גיי אין גאַס. איך גיי.
דאָס אײַטערדיקע קול פונעם ראַדיאָ־הילכער
איז שוין ווידער אָנגעגאָסן מיט קניִענדיק געבעט,
מיט אל מלא רחמים,
מיט רחמים,
און איך — אַ געבליבענע האַלאָוועשקע פון דאָרט —
גיי און גאַף,
גיי און שטוין.

איך גיי אין גאַס. איך גיי.
די גאַס איז נישט קיין גאַס,
די טראָטואַרן — פלאַסטן אָנגעגליטע אין אַליגעריס גהינום —
ברענען מיר די טריט און ברענען;
גאַווהדיק געלעכטער פון די וואָס גייען מיך פאַרבײַ
צעפליקט מײַן העמד, מײַן ברוסט,
וואַרפט אײַן בערג אונטער מײַנע טריט,
און אַ גבעון־זון שטייט אין מיטן הימל און גליט
ווי דער זון פון נון האָט איר באַפוילן...

קער זיך אום

קער זיך אום, פּאַרשפּעטיקטע,
כּל־זמן די פלאַמען גרייכן נישט די הימלען.
דאָס האָט דער צפון־ווינט פון נעסט דיך פאַרטריבן.
איצט, אַז עס זומערט דאָרט אין סעדער
און דער ריח פון קאַרשן פאַרשיכורט זיי די בערג —
קער זיך אום
צו די פאַרבענקטע הייכן אין גליל.

קער זיך אום, פּאַרשפּעטיקטע.
אויף דער טאָג איז שפּעט שוין. שפּעט.
עס קאָן דאָך זײַן וועסט דײַן נעסט נישט דערקענען.
נאָר איך וועל די צווײַגן מיט טרערן דיר ווייכן
און זוניק בעט־צײַג כ׳וועל דיר ברענגען פולע זשמעניעס,
כ׳וועל לויפן איבער היגלען דיר אַנטקעגן
ווי די בני־היכלא דעם שבת —
אין אַטלאַס און אין זײַד,

נאָר קער זיך אום, ס׳איז נאָך צײַט,
ס׳איז אין צפת קיינמאָל נישט צו שפּעט.

סיון, תשמ״ב

מיט טרערן צעשטראַלט

א.

ביסט גוט צו מיר
איך ווייס דאָס,
איך ווייס.
איך דערפיל דאָס אין דײַן יעדן באַריר.
אַנומלט האָסטו ווינטן מיר געשיקט
מיט הייסן שטויב צו דער טיר
און אַ שבת אַן אײַנגעטונקטן אין בלוט —
ווײַל דו ביסט גוט צו מיר,
גוט.

ביסט גוט צו מיר.
איך ווייס.
נאָר וואָס געלאָזט זיך טרעפּ־אַראָפּ
פון דײַן לייטער — אין דער גאַנצער לענג און גרייס.
און ווײַל כ׳בין תמיד דאָ אַ גרייטער
און דאָס אַלץ כ׳נעם אָן פאַר ליב,
ווערט דער הימל אין זוניקייט פאַרוואָלקנט
און דאָס געמיט —
טריב.

ב.

דער טוי וואָס טריפט אַראָפּ פוןביימער־בלעטער
גיסט דײַן גוטסקייט אַרײַן אין מײַנע טיפן.
די שיפן וואָס שווימען אָפּ און שווימען צו
וועלן פריִער צי שפּעטער
צו דיר מיך געגנענען — אַ דאַנק־אָפּפער, אַ לויב.

נאָר די ווינטן וואָס האָסט אָנגעשיקט מיר
מיט הייסן שטויב,
מיט מאָרד,
מיט טויט,
האָבן מײַן טיר אויפגעריסן, צעפּראַלט,
איז פון דײַן גוטסקייט בלויז דאָס זען מיר געבליבן,
אַ זען, וואָס איז ווײַטער פון מײַן אויג,
פון מײַן פאַרשטיין
און שטראַלט כסדר מיט טרערן,
מיט געוויין.

בלעטער וויינען

די בלעטער פון אַלבאָם
וואָס פאַלן נישט
ווי פוןביימער אין האַרבסט
האַלטן זיך בײַ די הענט
און וויינען.

זיי׳רע בילדער געוואָרן זענען געל
פאַרגעלט די מאַרגינעסן
און דאָס געלס רינגלט אַרום
מיט כישוף־טוענדיקע עיגולים
אַזויפיל פּנימער
אַוועקגעגאַנגענע.

וויינען זיי
די בלעטער פון אַלבאָם
מיט ווייען און אויען אײַנגעשטיקטע,
מיט געהויל ווי פון דערשלאָגענע הינט,
נאָר די אויגן —
אויגן פײַערן, גלייביקע, פאַרליבטע,
קוקן אַרויס פון אַלבאָם צו דער וועלט
מיט קעלט
און מיט וואָיענדיקן ווינט.

ווער ?...

ווען וויסן איך וואָלט וויסן ווער דו ביסט
און פאַר וואָס דו קומסט צו מיר אין חלום,
כ׳וואָלט נאָכט ביי נאָכט אַ מאָלצייט דיר געגרייט
און בלומען וואָס דערמאָנען.

ווען וויסן איך וואָלט וויסן ווו עס ליגט דער באַרג
פון וואַן דײַן קערפּער איז לעצט אַראָפּגעפאַלן,
וואָלט איך צו אים אַ באַרוועסער דערלאָפן
און מיט כוחות אויסגעטראָכטע אים
אין תהום אַרײַנגעשליידערט.

וואָרעם — ווי קומט עס אויס צו אַ באַרג
ער זאָל אין מײַן חלום דיך אַרײַנוואַרפן נאָכט בײַ נאָכט ?
און פון וואַנען איז דאָס געדרונגען
אַז איך בין דער טאָל
ווּהין דײַן געביין זאָל אַרײַנפאַלן נאַכט בײַ נאָכט ?

ווײן איך נישט, ניין.
איך פרעג נאָר און ווייס נישט וועמען —
ווער האָט דיך אויף אים אַרויפבאַפוילן ?
און פאַרוואָס קומסטו צו מיר אין חלום נאָכט בײַ נאָכט
באַשײַנט פון מײַן מאַמעס לײַכטנדיקע בענטש-לעכט
בעת אין מיר ברומט דאָס קול פונעם נביא : —
„פון צפון וועט קומען דאָס שלעכטס״ !...

אָ, ווען וויסן איך וואָלט וויסן.

בת־קול פון פאַרשווינד

דער מאָרגן האָט זיך פלאַקערנדיק צעלייגט
צופוסנס דעם חרמון
און געצויגן די ציַיט
— די פון רחמים אויסגעגאַנגענע —
אין טיפן טאָג אַריַין
מיט דיר צוזאַמען.

די אויגן פון די אויסגעקוילעטע
די נאָך־נישט פאַרמאַכטע
האָבן אין זיך אַריַינגענומען דאָס ליכט
מיט דיר צוזאַמען.

האָט פאַרגיי אַ שפּאָן געטאָן אומגעריכט
גרויזיק אַזוי און מאַכטיק
ביז צו שקיעה־ציַיט
נאַכטיק.

אוי! —
האָט דאָס בת־קול פון פאַרשווינד אָפּגעהילכט:
זע, ווי די ציַיט איז פליאיק, אומדערבאַרמיק,
אַלץ פאַרגייט מיט דיר צוזאַמען.

און דער מאָרגן האָט זיך פלאַקערנדיק צעלייגט...

נעפּל

א.

דער נעפּל האָט נישט געעפנט קיין שפּאַרע,
קיין טיר,
קיין טויער,
קיין וואַרע נישט געמאַכט חלילה
פאַרן גייער,
פאַרן בלאָנדזשער.
נישט פאַר זײַן שאָטן אַפילו.
פאַרשאָטן האָט דער נעפּל דעם טראַקט
און מיט רויכעס אים פאַרלאָפן.

ער האָט פאַרטונקלט די ראיה.
האָט פאַרבעלמעט די לאָמטערנס פון די פאָר־מאַשינען.
ביז שוואַרץ איז געוואָרן ס׳גרין פון פעלד,
פון בוים,
און שוואַרצער פון שוואַרץ די בערג,
און דערמאָנט אין אויסגיי פון דער צײַט.

פון יענער זײַט טונקל
איז דעם אָוונט אויסגעגאַנגען ס׳רויטע ליכט.
ווי אין אויפריכט האָט די לבנה גענומען זילבערן,
חלומות וועבן,
חזיונות און ליבעס, —
נאָר אַז אײַזערנע פעדער וועט דאָס באַשרײַבן
און קאָנען שילדערן.

ב.

דער נעפּל וואָס עפנט נישט קיין טיר,
קיין שפּאַרע בלויז פאַרן לבנה־ליכט
וואָס רײַסט זיך דורך אַ כמאַרע —
פאַרשטעלט דעם וועג צום פײַער־פראָנט
בײַ די בערג שוף.
פון אַלע נישט־דאָיִקע קולות
הערט זיך אַז אַ אויסגייענדיקער
הילפרוף.

האָט אַ קראָ זיך געשטעלט אויף מײַן דאַך,
געקראַקעט,
ווי געוואָלט זי וואָלט מיר געבן באַשייד
— אַז באַהיט זאָל מען ווערן פאַר אָט די רייד! —
דערווײַל
איבער לענג, איבער ברייט
האָט דער נעפּל זיך צעשפּרייט
און מ׳זעט נישט קיין גלימער פון אַ שטערן.

אַז וויי אַצינד און ווינד דאָס צו הערן.

הירשין פון מײַן חלום

הירשין מײַנע,
דו, וואָס האָסט אַ חלק אין מײַן נאָמען
און ביסט דער סימן פון מײַן זײַן,
ווי זײַן דו וואָלסט אַ ריפּ פון מײַן לײַב,
זע, ווי איך פאַרשרײַב דײַן בליק
און דײַן שוועב,
גלײַך אַ צייכן וואָלסט מיר זײַן
און אַ ווײַזער פון אַ וועג.

כ׳געדענק —
ביסט געשטאַנען מיר אַנטקעגן אין פרימאָרגנס ראָזע,
און פון דײַנע צווײַגנהערנער געוואָרן זענען פליגל. —
דאָס האָסט דו דאָך אין מײַן אויגן־ברויז,
— נאָך דעמלט אין מײַן וויגל —
מיט הימלען בלויע אַרײַנגעוווּנקען;
דאָס האָסט דו די ליבע אין מיר דערוועקט,
דאָס אויסגיין אינעם מידבר מיר אַנטפּלעקט,
און מיט גאַזעלישער רחמנות
אָנגעפּאָיעט מיך צו זעט.

איצט,
אַז דאָס וויגל איז געשטאָרבן
און פאַרדאָרבן איז דער היגל פונעם זעער,
אַז דײַנע פּײַלנפּיס לויפן שוין נישט מער העט־העט,
אַזש אַרײַן צו מיר אין האַרץ,
איז דער חרמון נאַכטיק, שוואַרץ,
און זײַן הימל — אַז אָרון־דעק,
וואָס פאַרדעקט דעם חלום און דעם זכר,
און דאָס גסיסה־בלוי פון דײַנע אויגן בלייבע
טראָגט מיך איצט אַוועק
פון עק,
צו עק,
ביז עק.

טאָג פון דערבאַרעמדיקן

א.

ווי דער חצב — די האַרבסטבלום אַלייניקע —
מיט זײַן שטאַנג דעם אויסגעצערטן.
גיי איך אַרײַן אינעם ווינטער.
דער באַשאַף
מילד אַזוי און שיין,
לאָזט זיך גיין
ווי נאָכן פסק־דין,
צו די גרוי־באַפּלעקטע הימלען
פון נישט־טאָג און נישט־נאַכט.
ווימלען ספיקות,
פחדים,
ראָיען ווי אין באָדן דעם צעפּאַרעטן,
און ביידע מיר דערוואַרטן
דעם טאָג פון חסד,
דעם דערבאַרעמטן.

ב.

ער וועט זײַן אוודאי ווײַס, ווי דער שניי אויפֿן חרמון.
ווען וועט ער בענטשן ? ווען וועט ער שעלטן ?
און מיט וועמען מלחמה האַלטן אין טאָג פֿון שטרײַט ?
פֿאַרגייט דערווײַל די בין השמשות־שעה
אין די שפּאַלטן פֿון דער שטאָט
און איך גיי מיט איר מיט
און דריי זיך אין איר ראָד.

מײַן עפּלבוים, אויסגעטאָן פֿון בלעטער,
וועט זיך הילן אין אָט דעם ווײַס ווי אין אַ קיטל.
נאָר אויף מיר קוקט מיט ביטול דאָס נײַגעבלי
און די יונגשאָפּט, די אויפֿגעקומענע
וואָס שטראַלט אַראָפּ פֿון דער אַסקעדיניע,
אין דער צעווינטיקטער רויִנע.

ג.

איך טו אָן מײַן העמד דאָס בלאָע
מיט די שטערנדלעך די זילבער־גראָע —
עלעהיי אַ הימל ערב רעגן.
איך טו עס אָן
און גיי אַ רעטעניש אַנטקעגן.
אָט גלײַך איך זיך צו גראָז אין פעלד,
אָט — צו בלומען אָפּגעוועלקטע,
און אָט לויפט אָן אַ פאַרגלײַך אַ ווײַטערער: —
מײַן שוועסטערס קו, די נישט־געמעלקטע...

טוליעט זיך צו מיר דער בוים פון עפּל,
ווי לויפן ער וואָלט לויפן פון גרוילן,
ווי פּועלן ער וואָלט בײַ דער פינצטערניש
ליכטשטראַלן, אויסגעבעטענע אין ווייען,
און ביידע מיר, אין צווייען, ווערן
אײַנגעשרומפן, אײַנגעבויגן
אונטער לאַסט פון חשון־בויגן דעם פאַרכמאַרעטן,
דערוואַרטנדיק מיט אויפגעפּראַלטע אויגן
דעם טאָג פון חסד,
דעם טאָג פון דערבאַרעמדיקן.

אין ווײַ־ווינט

עס הוילט דער ווײַ־ווינט און רעשט
אַזש רויט ווערט דאָס האַרץ פון מײַן בוים.
די פייגל
אַן אָרט קוים געפינען אין די צווײַגן
פון אומקום זיכערן זיך צו באַהאַלטן.
און דו,
שטייסט און קוקסט זיך צו
ווי זיי טוליען זיך און שיצן
קעגן דרויסן דעם גרויזיק־קאַלטן,
ווי זיי קושן זיך און ליובען מײַלעכל צו מויל.

די פּיצלעך פייגל,
וואָס טוליען איצט זיך אין מײַן בוים,
פּיצעלעך — נאָר־וואָס פון איי געקומען.
פון די גראָזן קוים אַ קוש געטאָן דעם שטויב,
פון די רויזן — טרערעלעך זאַפּט בלויז געזויגן
און געפלויגן
אַהיים זיך אומצוקערן.

וועט עמעצער דאָס ווײַנען זייערס דערהערן?
וועט עמעצער דערזען די פייגלטרערן?
ווער וועט זיך ווערן קעגן שטורעם
וואָס רעשט אַזוי און רוישט? —

און דאָס האַרץ פון מײַן בוים איז געוואָרן רויט.

אויף אַלע צווײַגן

דאָס האָניק־שלינגערל, דאָס קליינע,
מיט די פעדערלעך שוואַרצאונבלויע,
האָט געשטעלט זיך אויף אַ צווײַג אַנטקעגן פענצטער.
אוי, ווי איך דערוואַרט איצט אַ בשׂורה —
ווי די ווינער אין מײַן גאַס וואַרטן אויף אַ צייכן,
אַ שלום־אָנזאָג דעם נאָענטן און דעם ווײַטן,
אַז דער זאַמד און דאָס ליים,
דער זיפּזיף און געהאַקטער שטיין
זאָלן זינגען ווי געזונגען שוין אין בוי —
בעת דער טאָג וועט טאָגן
און די ברידער וועלן קומען.

ביסטו געקומען און מיר געזאָגט: —
אַ פייגעלע אַ שוואַרצבלויס
אַ קליינס אַזאַ, אַ פּיצלס
וואָס זייגט דעם האָניק פון צירביימלעך און פון בלומען,
וועט נישט קומען און דיר ברענגען אַ בשׂורה,
ווען דער אומעט לייגט זיך אויס פאַרן טויער.

איז קום און זע,
ווי עס שווערט אויף אַלע צווײַגן איצט
דער טרויער.

תמוז, תשמ״ב

נחמו, נחמו

די רו וואָס לייגט זיך ווי אַ הונט בײַ די פיס
ווײנט אויס די טרייסט און פאַרשטומט.
עס זעט נאָך מײַן אויג די הײם אַ פאַרקלעמטע
אַ באַנומענע פון צער און פון חורבן.
כ'זיץ נאָך אַ באַאַשטער
און נאָך אַלץ אַ פאַרשעמטער
כאָטש דאָ איז שוין שבת
און ס'איז שוין ערב שבת־שלום.

דער ווינט איז פאַרשוווּנדן
געלאָזט מיך אַליין
אין דער שטורמיש באַזאַכטער שקיעה פון גוט־וואָך.
אַליין מיטן בוים
אַליין אין דער חמימה —
ווו עס רירט נישט קיין צווײַגל
עס רירט נישט קיין בלעטל
דער אָטעם פאַרהאַקט איז און קופּער דער הימל.
נאָר זע ווי די שנייבערג געגענעגן דאָ אַהער
און הער דעם ניגון וואָס ניגונט דאָרט און נאָגט,
און זאָג: —
נחמו, נחמו עמי.

אַ שטראַל ט'זיך אַרײַנגעריסן

איך האָב די קולות נישט געזען
ווי עס האָבן זיי געזען מײַנע אבות בײַם סיני.
צו מיר זענען דערקומען ניגונים בלויז
אין בלוט אײַנגעטונקענע
אין פֿײַער.

דאָס פֿײַער איז געוואָרן דאָ שוואַרץ
און געשוואַרצט דאָס ווײַס פֿון מײַן אויג.
מײַן אוממאַכט איז געוואַקסן אַזוי גרויס
גרעסער נאָך ווי די מאַכט
פֿונעם שעכטער.

האָב איך געפֿרעגט די הימלען וואָס איבער מיר
צי איז די זון אויך דאָ שוין פֿאַרגאַנגען ?
האָט אַ שטראַל זיך צערייטלט בײַם שוועל
און מיט שטורעם אין מײַן טיר זיך
אַרײַנגעריסן.

מורא

זיי האָבן מורא מורא צו האָבן
און רופן אין מורא: משיח! מלך!
זיי האָבן מורא אַרויסצורעדן מחשבות
אַפילו בלויז פאַר זיך
און זאָגן:
גאָט האָט אַזוי געהייסן, אַזוי באַפוילן.
און איך,
מיט פליגל אָפּגעזענקטע,
דערגרייך קוים צום עקידה־באַרג
וואָס איז יאָרן לאַנג געווען פאַר מיר פאַרהוילן.
מיט תחנונים איך קוק אַראָפּ פון דאָרט
צו די תהומען
און זע נאָך אַלץ נישט קיין דנאָ.

זיי האָבן מורא אַ מורא פאַר די הייכן
וואָס גרייכן העכער פון זייער גראָזיקן געקריך,
זיי רופן אין פּחד און וויינען אין געזאַנג: —
מלך! משיח!

צינד אָן

אײַל זיך צו און צינד אָן די שטערן.
דער טאָג נייגט שוין אין דעמער.
אַלץ וועט דיר באַשערן די שקיעה
און דער הימל — דער רויט־פּיִאָלעטער,
און דאָס אויסטערליש פאַרגיין פון די געטער.

גיי און צינד אָן די שטערן,
פאַר די וואָס קומען צוריק פון די שלאַכטן.
מ׳הערט שוין די טריט פון דער פינצטער
וואָס לאָזט זיך גיין אַרײַן אין דער שטאָט,
נאָר קיינער וועט איר זיג נישט פאַרשטערן
ווײַל עס קומט שוין אָן די נאַכט.

נאַכט.

אין אַזעלכע טעג

אַז ברענגען איך וועל ברענגען
מײַן וואָרט אין די דאָזיקע טעג
און וועל, מיט מוט נישט־געהערטן,
דערציילן די וואָר פון מײַן חלום,
וועט אַוודאי לעצטע כוואַליע פון גרויסן אָקעאַן
דערלויפן אין שרעק ביזן ברעג.

פון פחד פאַר אָט דער זעונג
וועלן מײַלער זיך צעשרײַען,
און אין געשריי וועט זיך פאַרטײַען
דער פּײַן, דער אָנגעזאַמלטער פון דור,
און וועט זיך לייגן אויף די שפּיץ־פינגער
פון די באַצווינגער פון צידון און צור.

אַז ברענגען איך וועל ברענגען
טרייסט אין אָט די טעג — — —

ווי זשע ברענגט מען דאָס טרייסט אין אַזעלכע טעג?

גאָלד פונעם ניגון

ווען דו

ווען דו זאָלסט נישט זײַן מיט זונליכט אַזוי רײַך
און מיט אַ וואַרעם אַזאַ אָ ליבער,
וואָלט איך אוודאי געלאָזט זיך קיין דרום
ווי די פֿייגל —
צו זינגען דאָרט מײַנע לידער.

ווען דו זאָלסט נישט זײַן
מיט אַ טראַכט אַזאַ פּרוכפּערדיקער
און מיט אַ שפע מזל־ברכהקער אין די בייטן;
מיט פעלדער צעפּאַרעטע, מיט זוימען אין די שניטן,
מיט ווײַנשטאָקן זעטיקע מיט זאַפטן,
וואָלט איך דײַן צוזאָג מסתמא אויסגעביטן
און געלאָפן,
געלאָפן
צו ווײַטן.

זענען דאָ אָבער דאָ אַזויפיל גלוסטיקע געמעלן
און זוניקע פעדעם וואָס בינדן,
שטראַלן גינגאָלדענע בײַ אויפגעפרישטע שוועלן
וואָס קייטלען מיך מיט געזאַנג און געוויין —
בין איך בײַ דײַנע שטיינער
אַ שטיין.

פאַרוואָר,
ווען דו וואָלסט נישט זײַן מיט זונליכט אַזוי רײַך.

מײַן חבר דער פּאָעט

— מיט ברכות צו אמיר גלבע

פּאָר פּרי.
אײדער די פּרימאָרגן־אינדיזן האָט אירע שטראַלן־פּיס
אַ שיק געטאָן פּאָרויס
איבער בערג, איבער טאָלן,
האָט אַ דערוואַכטער חליל אַרויסגעשאָלט אַ זמר
און דער יונגער דעמער געוואָרן איז קלענער —
ביז געוואָרן ס׳איז נײַער טאָג.

און ס׳איז געוואָרן טאָג
און ער איז אויפגעשטאַנען פּאָר פּרי צוזאַמען מיטן טאָג,
האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי: — כ׳בין נײַ געבוירן!
דערפילט אַז ער איז פּאָלק
און אָנגעהויבן גײן.

גײט ער און גײט.
דער הימל איבער אים — העלער ווערט, העלער,
די הערנער פון דער זון שטויסן אים פּאָרויס,
און אַז ער קוקט אַראָפּ צום דנאָ און דערזעט קרומקייט, פּאַרדראָס,
צעשרײַט ער זיך פון ווייטיק אין דינסטן וואָרט,
אין קלאַנג,
אין רמז,
אין מינדסטן אות: —

„אות מײַן אות, פאַרפיר מיך נישט אין וואַלד פון ווערטער.
די ערטער פון וואַן איך קום און ווּהין איך גײ
זענען תמיד אין מײַן זײַן, גיבן מוט מיר און קוראַזש.
און כאָטש דאָס אַש איז אַרײַן אין מײַן אויג,
אין מײַן טינט,
אין מײַן פעדער,
און כ׳האָב אַלע מײַנע נאָענטסטע אײַנגעהילט אין נעפּלען אַצינד

און לאָז זיי וואַרטן, ווי מאַנגער, פון שוואַרצן גרוי
ביזן ליכטיקן רויט־און־בלוי,
לאָז איך זיך טאָג ביַי טאָג פון מיַין טאַטן פירן צום הר מוריה
און טראָג דאָס האַלץ מיטן פיַיער אויף מיַין שטאָלצן נאַקן".

און אַז די זון ברענט שוין העליש אויף זיַין קאָפּ,
הייבט ער אויף דעם האַמער פון וווּנדער־שירה
אַ געפונענעם צווישן דערנער־קוסטן און פיַיער־רויזן,
דערלאַנגט מיט אים אין די בליַיענע הימלען
וואָס נידערן אַראָפּ צו דער ערד,
בעט מיך שטום כ׳זאָל די הענט אים אונטערהאַלטן
ווי דער כבד־פּה אין מידבר האָט געבעטן,
און שיקט אַרויס די אינדין די גאַסן אויסצושפּירן.

און וויַיל ס׳איז אים באַשערט צו זיַין פּאָעט אין אַ ציַיט אַ ליידיקע,
שריַיבט ער איבער די חלומות זיַינע אין נביא־פּסוקים געאַרבטע,
און רעדט זיי אַרויס מיט רייד פון די שלאָפנדיקע,
וואָס וועקן אים און מיך
און אַלע די וואָס שלאָפן.

גרינס פון דערמאָנונג

דאָס גרינס פון יום־טוב איז אַרײַן אין מײַן אויג
אַ צעשטראַלטס
נאָך ווען געזייגט כ׳האָב די בריסט פון מײַן מאַמע.
דאָס גרינס האָט גערייצט און צעהונגערט מײַן אויג
נאָך איידער דאָס וועלטרויט האָט באַוועלטיקט מײַן זײַן.
אַצינד אַז איך ווייס שוין וואָס גרינס איז
און וואָס רויטס
און וויל זיי איניינעם נישט שפּאַנען
לייג איך אַוועק מײַן קאָפּ אויף דײַן שויס
און באַזאַמען מיר שווײַגן.

איך ווייס כ׳האָב דיך ליב און ליב כ׳האָב דײַן בליק
ווי ליב כ׳האָב דאָס שיינס וואָס איך זע דאָ.
דאָס האָט ס׳גרינס פון שבועות ליבע אין מיר דערוועקט
און פירט מיך אַרײַן אין דײַן אויסגעצײַטיקטן סאָד.
נאָר אַצינד אַז די ספירה איז שוין אויך אַן אָפּגעציילטע
און מ׳דערקענט שוין דעם סוד פונעם דוויער
שטיי איך פאַר דיר — גרינס פון דערמאָנונג —
און באַדויער דעם חלום פון בלי.

זון

— דער דיכטערין רבקה באַסמאַן

די נאַכט האָט זיך אויסגעלאָזט. כ׳האָב דערוואַכט.
די שעה איז געווען אַזאַ פריִע.
כ׳האָב געעפנט דאָס פענצטער צו די רויזן מיט אַ תפילה.
זענען שמעטערלינגען ווײַסע — מלאכים אָנגעשוועבטע —
מיט אַז־ישיר אין זייערע פליגעלעך די מינדסטע,
תאווהדיק אין די ליליעס אַרײַנגעדרונגען.

די זון האָט שחריתדיק זיי געוואַרעמט,
גאַרונג זיי געגעבן, ווילן אויסצופירן זייער וועלט,
נאָר מיך האָט דער חלום נאָך אַלץ געהילט און געטוליעט
ביז די זון וועט אַרײַן אינעם פענצטער.

און אַז די זון איז אַרײַן אין מײַן פענצטער,
און פון יענער זײַט וואַנט האָט אַ קינד זיך צעוויינט,
זענען דײַנע אויגן שטראַלנדיק געוואָרן
און דײַנע באַקן — פייער־רויט צעשײַנט.

און ס׳האָט דער מידבר צעעפנט זײַנע טויערן מיט זון.

דײַן נאָמען

אַסיאַ׳ן, דער דיכטערין פֿון ירושלים

אויב איך וועל ווען דיך פֿאַרגעסן,
און פֿאַרגעסן דערפֿאַר מײַן האַנט די רעכטע,
וועל איך לויפֿן איבער לאַנד
און דיך רופֿן, רופֿן,
ביז קומען כ׳וועל אַרויף צו די טויערן דײַנע —
ירושלים.

כ׳וועל אַרײַן.
איבערטרעטן די שוועלן.
אויף דײַן גאַס וועל איך וואָגלען אין האַלבנאַכט
און די שאָטנס וועלן ווי פֿײַנד מיך יאָגן.
וועל איך אויפֿהייבן צו די בערג מײַנע אויגן
און זיי פֿרעגן אין דרעמלען
דײַן נאָמען.

כ׳וועל זיי זאָגן
ווי ליב ס׳איז מיר דאָס בענקען,
דאָס זוכן דײַן אויסזע,
דײַן שפּור,
ווײַל געדענקען איך געדענק נאָך דעם ריח
און די פֿאַרב פֿון דײַנע האָר
אינעם אויסגיי פֿונעם טאָג —
ירושלים.

און כ׳וועל רופֿן דײַן נאָמען.

אַלטזומער

די גאָלדענע געוועבן פון דײַן גאָרטן נעמען מיך אַרום,
גאַרטלען מיך,
פירן מיך
צום שפּיצבאַרג אַז אָנגעטרונקענעם
מיטן געטראַנק פון דײַן ליבע.

דער אַלטזומער מיט די ווײַסע באַבע־פעדעם
וואָס פלעכטן זיך אײַן אין מײַנע האָר
ווי כישוף־סטענגעס אין דער גריווע פון פײַערדיקן לאָשעק,
לאָזט אַראָפּ זיך צו דער ערד
אין אָטעם פאַרכאַפּנדיקן גאַרן
בעת די טעג דאַרן,
ווערן שמעלער,
קלענער
און דאָס לעצטגאָלד פון ערב האַרבסט
ווערט רויטער,
פײַערדיקער,
שענער.

די גאָלדענע געוועבן פון דײַן גאָרטן
ווערן מײַן שאָטן.

גאָלד פונעם ניגון

דו און איך און דער צירבוים
און די שוים פונעם פרי־רעגן אויף דער בייט,
אין איינעם בענטשן מיר דעם האַרבסט
וואָס קילט אין אונדז אויס דעם חמסין
און ווי ער
מיר רייטלען זיך אין חלום.

דו און איך און דער צירבוים
וואָס צעעפנט די לעפצן און קושט מיך,
די צווײַגן ער צעצווײַגט און האַלדזט מיך,
און נעמט מיך אַרום מיט אַ ניגון
ווי דו אין דײַן ליד,
בשעת דאָס גאָלד וואָס לײַכט פון דײַנע האָר
ווערט וואָר
און
צעגליט.

נאָר ווער ביסטו, דו, ווער ביסט,
דער ניגון פון דײַנע האָר די גאָלדיקע,
צי דאָס גאָלד פונעם ניגון?

בשמים אויף בייטן

לייג דייַן קאָפּ אויף מייַנע קני,
ווי דער ווייַסער פּאָעט האָט געבעטן אין זייַן ליד.
ווער נישט מיד. ווער נישט פּחדימדיק־דערשראָקן.
כ׳האָב בשמים הייַנט פאַרפלאַנצט אויף די בייטן פון מייַן
גאָרטן,
לאָזט זייער ריח זיך גיין צו די ווייַטן
און מיט גלעטן ער באַרויִקט ס׳געמיט.

לייג דייַן קאָפּ אויף מייַנע קני,
אין דעמערגרוי ווערט דער ריח שטאַרקער, זיסער.
זיס ווערט אויך דער סם — דער לעצטער לייַכט פונעם טאָג.
נאָר קלאָג נישט אויפן טויט וואָס מאַניעט מיר אַנטקעגן
און קומט אויף די שפּיץ־פינגער פון דער נאַכט.
סייַ ווי וועט דער ריח מיך אייַנשלעפן,
כ׳האָב דאָך בשמים פאַרפלאַנצט אויף בייטן.

קום, לייג דייַן קאָפּ אויף מייַנע קני,
ווי דער דיכטער אין זייַן ליד האָט געבעטן.

רות

ביסט געווען בײַ מיר.
האָסט געלייגט זיך מיר צופוסנס נאָכן שניט
בעת די זאַנגען מ'האָט אין גאַרבן שוין געבונדן.
האָב איך געקושט דײַן פּנים וואָס האָט געפּײַכט
מיט בלויען טוי
און דײַנע באָרוועסע טריט.

ביסט געווען בײַ מיר.
אָט איז דער פלאַם וואָס האָט מײַן אָטעם אָנגעצונדן
און אָט די הייסקייט פון דײַנע ליפּן
אויף מײַנע.
ווײ, ווי שיין עס קלינגט דײַן נאָמען אין ספר־רות
ווען מײַן חלום גליט.

אַצינד,
אַז די נאַכט גייט אויס
און דו שווימסט אַרויס פון מײַן חלום
און קוקסט אויף מיר אויף צוריק דורך די במאַרעס,
ווערסטו ניגון, ווערסטו ליד,
און נאָך איידער איך הייב אויף די אויגן
ווידער דיך צו זען —
אַ פלאַטערל איבער רעגנגלעקלעך לילע
אין מײַן גאָרטן
קניט.

איך הער דײַן שפּאַנען

א.

דײַן גלוסטיק לײַב, ס׳געמעל פון זײַן געטלעכער פּאַרעם,
דו קילסט מיט קילן טוי פון חודש תמוז
וואָס טריפט אַראָפּ אין האַלבער נאַכט פון ביימער־בלעטער.
אַרום דיר וואַכן די געטער דײַן הייסן ווילן אָפּצוהיטן
און בעטן אויס אַ שטערנבעט פאַר דײַן חלום: —
שלאָף. שלאָף. שלאָף.

פרעגסטו זיי און זיך: —
„פון וואַנען אָט די תאווה וואָס ברענט אין מײַנע ביינער,
און ווער האָט מיך פאַרפירט אין פלאַכלאַנד צו זײַן גאָרטן?
איז דאָס נישט די מידבר־היץ, די חמימה אין די הייכן,
צי אפשר גאָר דער טויט אַליין
וואָס האָט אין סיני די גלוסטונג שווער אַזוי באַשטראָפט?...״
און דו שלאָפסט. שלאָפסט. שלאָפסט.

נאָר איך,
אַן אײַנגעהילטער אין טויבנגרוי און אין ווײַס
דערקען דײַן ליד אין דער ווונד דער ברוין־און־בלויער
און אין די ווײַ־רייד דײַנע וואָס כ׳האָב אין לעצטקייט קוים
פאַרשטאַנען,
דערהער איך אין וואַכן גרין פון די גראָזן דײַן גיין
און הער דײַן שפּאַנען.

ב.

כ׳האָב דיך געזען נידערן פון די הייכן
באַרג־אַראָפּ,
באַרג־אַראָפּ פון מוריה,
און טרויער האָט געפינקלט אין דײַן אויג,
פאַרטונקלט די ראיה.

אַ סטויג —
ווי אין חומשדיקן חלום פון סטויגן —
ביסט געבליבן שטיין אין דײַן שטראַליקן אַליין.
קיינער האָט פאַר דיר נישט געקניט,
קיין קני נישט געבויגן.

בין איך געגאַנגען אין טריט פון די שאָף
געקליבן דײַנע קלאַנגען צווישן גראָזן,
ווײַל די שטאָט האָט דײַן לשון דערקענען נישט געוואָלט
האָבן ווינטן דײַנע לידער צעבלאָזן.

ווּ ביסטו, געליבטע?

אויף דײַנע גאַסן איז קאַלט, געליבטע,
אוי, ווי שווידערדיק קאַלט:
און איך גיי אַרום, זוך דײַן בליק,
ער זאָל דערוואַרעמען דאָס מינדסטע נעגעלע פון מײַן זכרון,
און דורך די נעפּלען איך זע קוים דעם בליץ.

דעמלט בין איך געזעסן אין דער קליינער תל־אביב,
געחלומט פון אַן אַרבעס־זופּ,
פון ברויט אַ פּענעץ,
פון ליבע אַן עוקץ —
האָט גראָד דער הימל געקושט דעם ים,
געקושט רויט, מיט פֿײַער, מיט צאָרן: —
אויף יענער זײַט ים, פון אַזאַ שווידערדיקער קעלט,
איז אַלץ חרוב ונחרב געוואָרן.

זע, וועלט מײַן וועלט,
זע, געליבטע מײַנע,
ווי קאַלט ס׳איז אויף די גאַסן פון דער שטאָט —
דער באַגלייבטער, איבערגעגעבענער און פאַלשער,
און איך שלײַך אַרום און זוך דײַן בליק
ער זאָל דערוואַרעמען דאָס מינדסטע נעגעלע פון מײַן זכרון.

ווּ זשע ביסטו אַצינד, געליבטע?

דײַן ליד

דײַן ליד
וואָס איז געשטריקט און געהאָפּטן
פֿון בלעטער
פֿון צווײַגן
און צעציטערט פֿון ווינט און פֿון תּחינה
איז אַרײַן אין מײַן געמיט
ווי אַ רעגנפּלייץ אין אַ רוּינע
און זיך געשטעלט אין צוויי־קאַמף
מיט מײַן חלום און דער וואָר.

נאָך פֿון ווײַטן ווײַט,
אין טעג פֿון פֿאַר־צײַט
האָט ליד צו מיר גערעדט
מיט צאַרטן לשון ווייכן
און פֿון שטויבן מיך דערהויבן.
כ׳האָב אײַנגעזאַפּט אין זיך
דאָס ליד פֿון מרים,
פֿון דבֿורה,
פֿון שׂרה בת טובֿים
און דײַנס
וואָס האָט געוואָרקעט ס׳געוואָרק פֿון ווײַסע טויבן
און אין מיר דאָס אַרײַנגעזויגן
ווי די מילך פֿון דער מאַמען.

נאָר הײַנט,
אַז דײַן ליד קומט צו מיר אַראָפּ פֿון הייכן,
פֿון ווײַטן,
און הילט אין שאַלן מיך פֿון קאַלטן טוי,
ווער איך אומעטיק אַזוי און באַשוועט
און זוך געזאַנג בײַ גראָזן
וואָס גראָזן־אַרויס מיט ברכה פֿון דער ערד.

דײַן טרער

איך טונק מײַנע פֿינגער אין דײַן צער
און וויש מיט זיי דאָס זאַלץ פֿון מײַן פּנים,
כ'האָב דאָך סטויג נאָך סטויג געבונדן אויפֿן פֿעלד
אײַנצושײַערן אין טאָג פֿון דער זאַמלונג,
איז פֿון מידבר געקומען אַ ווינט אַזאַ רויטער
און די זשאַרנעס אכזריותדיק פֿון זיי אויסגעטרייסלט —
דיך צו טרייסטן נישט געבליבן איז איינע.

און איך וויל דאָך אַזוי דיך טרייסטן,
אַרומנעמען, האַלדזן,
מיט פֿייערדיקע קושן קילן דײַן שלוכץ,
נאָר דו
גייסט־אײַן אינעם וויי, אין קאַלטן.

בריט מיך דײַן טרער און צעטרייסלט מײַן געמיט,
ווי דאָס ליד וועגן יִדישן מלך וואָס וויינט פֿון דיר אַרויס:
„כ'האָב אָנגעווירן אַזאַ לעבן, ווײ איז מיר און ווינד"
און דײַן טרער צער'ט און צינדט.

דו

דו,
וואָס האָסט דעם חודש מיר באַשאַפן,
אים אַרויסגעפּיקט פון איי,
לאָמיר גיין, מיר זענען צוויי.

זע, דער מולד איז אַ שניט אינעם לײַב
און אַ וווּנד און אַ ווײ וואָס צעוואַקסט זיך.
דאָס ליד קרײַזט אַרום דעם פאַרגיי
עלעהיי אַן אויג וואָס אָט־אָט פאַרמאַכט זיך.

אַ דרעמל־ליכט פאַרציט שוין די וויִעס
און אַ האַלב־שלאָף לייגט זיך בײַ די טריט.
לאָמיר גיין.
דער טערעבינט — זײַן קרוין זאָגט נביאות —
רעדט מיט גרינבלאָט און מיט באַנגשאַפט
צום געמיט.

און אַליין דאָס געמיט איז דער בוים,
און דער חודש דער אַרויסגעפּיקטער פונעם איי,
אויך די שקיעות וואָס פאַרבן זײַן מראה.
נאָר דער מידבר מאַכט דעם גייער איצט אַ וואַרע —
איז לאָמיר גיין,
מיר זענען צוויי.

ביסט אייביק

איך בוק זיך פֿאַר דיר מײַן לעצטע געטיז,
איך קני. —
דער זונענגלי אין דײַן האַלב־פֿאַרמאַכטן אויג
וועקט נישט מער מײַן גלוסט.
דאָך שטיי איך פֿאַר דיר באַגעריק און ווייס: —
אויך בעת דו קריינסט מײַן שירה
איז דײַן קריינונג — לײַב.

ביסט אייביק
און דײַן גײַסט איז לײַביק.
דער ניגון,
וואָס אין מיר דו ניגונסט,
מאַכט פֿון מײַן אָרעם־הויז אַ היכל.
נאָר ס'איז וואָר אַז דײַן שמייכל איז פֿון דעם **אַנדער־וועג** *
וואָס רעדט מיר אײַן: „אַלץ איז דיר באַשערט!"
און הינטער דיר שטייען געצן
און דער יצר דער שוואַרצער פֿון דער ערד.

קני איך פֿאַר דיר, געטין מײַן לעצטע,
און פֿון די לעפּצן טריפֿט מײַן לויב.
בלויז דער זאַקרויב, וואָס מײַנע ברידער האָבן געררויבט
און דיר געבראַכט אַ קרבן חטאת,
וועקט דערמאָנונג אין אַמאָל —
ווײַרעך־רויך לזכר טאַטעס,
און אַ מולך־מויל אַן אויפגעפּראַלטס,
אַן אור, אור אַלטס.

---

* סטרא אחרא.

הבטחה

יאָ, ס׳איז אמת,
אמת, כ׳האָב דיר צוגעזאָגט,
אַז כ׳וועל גיין און גיין אין דײַנע טריט.
דאָס געמיט געוועזן איז ראָז — אַ רויז בײַ מײַן פענצטער —
און דער חלום האָט גענערט, געזעטיקט.
נאָר אַז פון מעשהלע דער וואָלף איז פאַרלאָפן מיר דעם וועג
און דעם וואַלד אַרומגערייפט מיט פלאַמען —
איז דאָס גיין מיר געוואָרן באַשווערט.

געוועזן איז מיר באַשערט צו היטן דײַנע טריט,
איז אַ כמאַרע ווינטיק אָנגעקומען
דעם שליאַך פון מײַנע אויגן מיר פאַרשטעלט
און אַ טויבקייט אַ תהומיקע, גראָע,
די שריט פון דערלייזער נישט צו הערן.
זינט דעמלט גייט דער צוזאָג מיר נאָך — דאָס מעשהלע פון וואָלף —
און בײַסט אַרײַן זיך אין מײַן ניגון,
אין מײַן ליד.

דו געדענקסט די רייד אָט די בלאָע,
ווען דער טײַך האָט געוואָשן אונדזער טרוים;
דערפאַר קומסטו ערב טאָג מיך דערמאָנען — אַ פיקערפויגל אויפן
בוים —
און מאָנען פון מײַנע ליפּן די הבטחה,
נאָר צי קאָן איך, צי מעג איך, דעם חושך איבערהיפּן
און דעם תהום
וואָס די צײַט האָט אויסגעשפרייט?

יאָ, ס׳איז אמת,
אמת, כ׳האָב דיר צוגעזאָגט,
און דער צוזאָג איז אַ קייט אויף מײַנע פיס.

בײַ דײַן שוועל

אייר.
אויפֿן בוים פֿאַרוועלקט דער בעז.
אַ שטראַלן־גאָס פֿלייצט אַרײַן אין זײַנע צווײַגן.
ביז איך בין געגאַנגען דיך באַגעגענען
מיט זילבערטוי אויף די וויִעס,
מיט טרוים אויסגעגליטן,
און געבליבן שטיין בײַ דײַן שוועל.

ס'איז אייר.
ס'איז גאַרונג אויפֿגעוועקטע,
ס'איז פֿלאַמענדיק געררייץ: —
ווען יענע שעהען צוריקקומען אַצינד?
זע, אַ קינד מיט יאָרן אָנגעזאַפּט
און מיט אַ ווײַסקייט וואָס לויפֿט אַרײַן שוין אין געל
בלײַבט שטיין בײַ דײַן שוועל.

זײַנע פֿינגער — גערבערע־בלעטלעך וואָס הייבן זיך,
ציִען צו דײַנע האָר זיך און ווילן
קאַם־ציינער ווערן —
דיך גלעטן און קעמען.
ביז די זון זינקט אַראָפּ אין ים און דער הימל
מיט שטערן צירט זיך אויס
וואָס לעבצן ווי מײַנע צאַפּלענדיקע אויגן
בײַ דײַן שוועל.

און דער בעז פֿאַרוועלקט שוין אויף מײַן בוים.

רעגן־טרוים

די געלע, זון־בלום
מיט די טונקל־ברוינע ברוסט־וואָרצלען אויסגעשטרעקטע,
האָט אויפגעהויבן צו מיר בליק און אָרעם
און אַ פאַרשמאַכטע מיך גערופן. —

פון מידבר־היץ, ווי זי, געווען בין איך בגילופין —
ווײַן צעזאָטענער אין מײַנע ווענעס איז אַרײַן.
נאָר ווי דערהערט כ׳וואָלט איר רוף
און אירע בלומענרייד פאַרנומען,
האָב איך מיט שוויס פון שטערן זי באַוואַסערט
און מיט ליבשאַפט אַרומגענומען.

איז דער חודש אַרײַן אינעם צווייטן
דער הימל געווען געל איז, ווי זי —
זײַן זוים, אין יענער זײַט ים,
ווי איר וואָרצל האָט אָנגעהויבן ברוינען,
נאָר איך, וואָס האָב מיט צער דאָס געזען
האָב אָנגעהויבן טרוימען
פון לינדע קילע רעגנס
אין מיטן הייסן זומער.

בצלם...

בײַ נאַכט,
ווען קײנער איז שוין אין גאָרטן נישט געווען
און לבנה האָט געגאָסן זילבער־ווײַן אין די גראָזן, אין געצווײַג,
האָט די ריזנרויז פון קאַקטוס־קוסט
זיך אויפגעדעקט, הילכיק זיך צעעפנט
און געוויזן איר פּראַכט אַ צערײַצטע —
דער נאַכט.

בײַ נאַכט
האָט די מלכּה איר שײַנענדיקן בלומען־גוף
אָפּגעדעקט
און אָנטפּלעקט איר צאַרטיק לײַב,
אַז אָנגעטוענס אין ווײַסן העמד־געבלעטער —
פאַר קײנעם.

און אַז דער טאָג האָט אָנגעהויבן שײַנען,
און איך בין אַרויס צו איר און געזען —
זי באַהאַלט פון מיר איר פּנים
און די ווײַסע זײַדנבלעטער — אַנטפּאַלענע, אויסגעבלייכטע —
פאַרדעקן די בושה איר
נאָך אײן אײנציקער נאַכט פון גענוס...
האָב איך געוווסט,
אַז אָט די בלום, די אײן־נאַכטיקע מלכּה *
איז באַשאַפן געוואָרן **בצלם**,
און מיטן אויפשײַן פון דער זון און פון אַ מענטשנס אויג
ווערט זי, ווי **ער**, נעלם.

* מלכּת הלילה אַ קאַקטוס־בלום וואָס באַווײַזט זיך אין אַ נאַכט אײן מאָל אין יאָר.

איידער ער פֿאַלט אַרײַן אין טרויער

דער נאָדלבוים,
אַן אויסגעצירטער אין גרין און אין ברוין,
האָט די קרוין אַראָפּגעניִדערט אין הכנעה.
ער האָט קניִענדיק זיך געניייגט פֿאַרן חודש
אלול. די הימלען געוועזן זענען בלאָ.

ער האָט אַ זיפֿץ געטאָן און אַרויסגערעדט בוימיש:
אויך אים מ׳וועט פֿאַרן כסא־הכבוד מעביר זײַן,
ווי די שעפּעלער פֿאַרן פֿאַסטעך אין יום־הדין?
אויך ער וועט דאַרפֿן בעטן אויפֿן געווין
וואָס ווערט גורלדיק פֿאַרטיילט אין דעם אָ טאָג
פֿונעם יאָר?

פֿאַרוואָר
ס׳וועט דאָך קיינער נישט ציילן זײַנע קנייטשן,
זײַנע קאַרבן וואָס בייזע ווינטן האָבן אויסגעקאַרבט,
און נישט לויבן מ׳וועט זײַן צווײַגנשירעם
און זײַן שאָטן דעם אויסגעשפּרייטן,
וואָס גרייטן ער טוט גרייטן פֿאַר ליבנדיקע פֿאָרן.
און ווער וועט זאָגן עדות, אַז מ׳האָט פֿון וואַלד אים אַרויסגעריסן
שוין יאָרן, יאָרן
און דאָ, אינעם אָפּרו־גערטל, אײַנגעפֿלאַנצט
אַלעמען צו דינען?

ראָיען די בינען
און שטעלן אָפּ זיך אויף דעם אײַנקריץ אין זיין שטאַם,
וואָס געקריצט האָט אַ פֿאַרליבטער אין איינעם אַ באַגינען: —
„כ׳וועל דיך שטענדיק געדענקען אין ליבע!״...
און ברענגען אָט די ווערטער צו זײַן קרוין, צו זײַן אויער,
איידער ער פֿאַלט אַרײַן אין אומעט,
אין טרויער.

וואָס האָבן נישט קיין שיעור

כ׳וועל זיך שטעלן ביי גרענעצן, ביי צוימען,
כ׳וועל דיין וועג דיר פֿאַרלויפֿן מיט געפּעכט. —
פֿאַראַן וועגן וואָס האָבן נישט קיין שיעור
קעגן וועגן אויסגעפּלאָסטערטע מיט שלעכטס.

כ׳וועל נישט קניִען, נישט בעטן קיין פֿאַרגעבונג.
כ׳וועל מיין לעבן נישט בעטלען ביי קיינעם.
פֿאַראַן זאַכן וואָס האָבן נישט קיין שיעור,
כאָטש יעדער ים — זיינע ווענט האָט, זיין ברעג.

אָט שטיי איך מיט רוקן שווין צו וואַנט
אין לעצט געראַנגל, — עלעהיי יעקב מיטן מלאך, —
פֿאַראַן ליבעס וואָס האָבן נישט קיין שיעור
נאָר פּאָר איינער,
פּאָר אָט דער איינער —
כ׳וועל זיך ראַנגלען
ביז אָין שיעור.

אין אירע טריט

ווער עס גייט אין אירע טריט —
איך לויף איר נאָך, ווי נאָך אַ באַלעם;
ווער עס טובלט זיך אין איר בליק —
איך טרינק פון אירע פלאַמען, ווי פון קוואַלן.

ווער דעם פֿײַער־טאָג געדענקט נאָך פון די גאַסן
און געהערט האָט די בשורה אין די פענער;
איך, וואָס האָב אויף וועגן צונויפגעזשמעניעט
אירע דיבורות, — בין אין דבקות אויפגעגאַנגען

און געגאַנגען מיט נאָך, און נאָך, און נאָך,
דעם טויבן־רויש אײַנצושלינגען און דאָס ברומען,
ביז וואַנען די האָניק־קעניגן דערלאַנגט האָט מיר אַ שטאָך
און אַלץ וואָס זי האָט געגעבן — צוריקגענומען.

מײַן אָרעם־שויב האָט איר ליכט בסדר אײַנגעזויגן
און מיט יעדן אירן זאָג זיך רק גענערט,
איז אַ שנייִ אַראָפּגעפאַלן, פאַרשיט די לעפלער מיט די אויגן,
ביז דער ריס איז געוואָרן גזרהדיק באַשערט.

פליסן לויגן איצט און גיסן פון הימלען אײַנגעפאַלענע,
און איך, דער אָפּגענאַרטער, דערצייל דאָס איצטער יעדן: —
ווער עס גייט אין אירע טריט —
איך פון איר אַלץ ווײַטער ווער דערווײַטערט;
ווער עס טובלט זיך אין איר בליק —
איך, פון אירע מעסער־שטראַלן פּראָסטיקע
ציטער און איך פריר.

7.11.1955

אויב וועסט ברענגען

אויב וועסט מיר ברענגען בלעטער פוןביימער
וואָס הילן דעם סוד אין זייַנע ווייען,
וועל איך זיי סיליען אויף פערלשניר פון פייען
פאַר סטאַטועשן האַלדז דייַנעם קלאָרן.

אויב וועסט מיר ברענגען בלעטער פון יאָרן,
פאַרשריבענע מיט שוואַרצטינט פון טרויער,
וועל איך זיי בינדן אין טאָוולען פון דויער —
ספרים פאַר מיר און פאַר דורות.

נאָר אויב וועסט ברענגען מיר בלעטער פון תורות
וואָס געפלאַסטערט האָבן וועגן צו תהומען,
וועט מייַן מויל זיך צעשרייַען, אַזש גרייכן די רוימען
און צינדן לאַמטערנס פאַר פאַרבעלעמטע אויגן.

*

אַמאָל,
אַז איך פּלעג דיך פרעגן
און דו האָסט מיר געענטפערט
מיט חן,
האָב איך געקושט די שײַן פון דײַן אויג
און אַ געגעזעגנער געלאָזט זיך אַהיים.

אַמאָל,
אַז די היים איז געווען אַזוי ווײַט
און דער וועג האָט זיך געצויגן און געדויערט,
האָב איך מײַן ליבשאַפט געשפּרייט איבער בייטן
און די דאַנקשאַפט אַרײַנגעהויכט איןביימער.

הײַנט,
אַז מײַן פרעגן איז געוואָרן דיר דערווידער
און דו שווײַגסט ווי בײַ זיי דאָרט דער ספינקס,
וועל איך פרעגן מער דיך נישט פרעגן
נאָר שרײַען כ׳וועל שרײַען צו די הימלען
אַ געשריי.

*

...און איך וועל דיך גרייכן
אין בלייכן ליכט פון פאַר זון.
כ'וועל דיר מאָרגענען אַ תפילה
אין שטילן גראָזס סוד־געזשום,
און בלויז דאָס וואָרט —
אַ פולער מילגרוים אין אויסגעצײַטיקט זײַן,
וועט מיר לײַטערן דאָס זען
אין אָט דער גרויער ערב־שײַן.

און איך וועל דיך גרייכן
כאָטש שפּעט ס'איז שוין די שעה,
יעדער רגע איז אַ צייכן
אַז נישט שטענדיק זענען די הימלען דאָ בלאָ.
יעדער רגע גייט אויס אין פּײַן דאָ
פּאַלט, צעפּאַלט זיך — אַ מעטעאָר,
נאָר איך וועל דיך גרייכן, איך פּיל דאָס
אין די סודותדיקע טריט פון נײַעם יאָר.

איידער

כ׳וועל דיך אויסטראַכטן.
כ׳וועל אַוועק מיט דיר צו יענע יאָרן
פון איידער.
כ׳וועל אפילו נישט דאַרפן ברעכן דעם נדר
וואָס כ׳האָב מיר קיינמאָל נישט געמאַכט,
אַז איך מוז דיך זען איידער
עס גייט מיר אויס די נאַכט.

כ׳וועל דיך אויסטראַכטן.
כ׳וועל אין טראַכטעניש דיך זען איידער
דער חלום וועט מיך באַטריגן...
און ווײַל איך האָב דיר קיינמאָל נישט געזאָגט קיין ליגן
וועל איך דיך איצטער אין אויסטראַכט באַשאַפן,
אין ערשטער רײַפקייט,
אין לופטיקן זומערקלייד,
בעת פול מיט תאווה זענען דײַנע חלום־רייד.

כ׳וועל דיך אויסטראַכטן: —
אָדמס ריפּ, אין שוואַרצן שלייער צי אין גרויען,
קומט די נשמה בײַ מיר נעמען
און צו גאָט זי אָנגעטרויען,
גראָד בשעת איך טרוים איצט
פון יענע פרויען
וואָס האָבן מײַנע הימלען געפאַרבן בלויער,
ליכטיקער,
לויטער.
נאָר אַז איך וועל האָבן דיך שוין אויסגעטראַכט
וועט דער חלום זײַן שוין אַ טויטער.

אַנדער ליכט

דאָס ליכט איז הײַנט קיין ליכט נישט
און די פינצטער גלעט נישט דאָס אויג פון סגי־נאור.
ס׳איז נישט טאָג און ס׳איז נישט נאַכט.
דער פּחד לויפט פאַרבײַ ווי אַ קאָמעט,
ס׳איז אַלץ אינאיינעם. — פרי און שפּעט.

רויטליכט הילט אײַן די גאַסן, די טײַכן.
אַ פלאַמען־רויך גיסט צו שוואַרץ צו דער רויטפאַרב.
אויב מײַן וואָרט וועט הײַנט צו דיר דערגרייכן
זאָלסטו וויסן, אַז קליגער פון אַלץ איז דער האַרבסט.

ס׳איז אַוועקגיי און צוריקקום צוזאַמען,
ווי ס׳איז דער גורל, די באַשערטקייט וואָס מיר אַנען.
דאָס ליכט, וואָס איז הײַנט קיין ליכט נישט,
וועקט די פייגל און מיך — פרי צי שפּעט —
צו אַ נײַעם מודה אני...

צו מײַן אייניקל לילך *

דיין נאָמען — מיר און דיר
און די פרילינג־קווייט בעז —
עפנט פאַר מיר די טיר
צום נס פון בלײַביקייט.

דײַן שײַן,
דײַן קריכן און גייז,
דײַן שמייכלען און פלאַפּלען
און די ערשטע פּיצלעך ציין
וואָס לײַכטן ווײַס אַרויס פון דײַן מויל
מיט אַזויפיל חסד און חן
(וואָס מײַן שטאַם האָט דיר פאַרירשנט),
און דײַנע אויגן — ווונדערלעכע קאַרשן —
נעמען מיך אַרײַן
אין דײַן זײַן.

איז ווויל מיר, ווויל,
כ׳וועל זײַן אין דיר,
אין דײַנע קינדער,
אין די קינדס־קינדער דײַנע
ביזן לעצטן דור,

נאָר —
ווער קאָן פאַרויסזען דעם די טעג
וואָס קומען מיט חידושים נישט געהערטע?
וועט נישט אַמאָל די חלפדיקע וואָר
דיך מאַכן אין מיר פאַרגעסן
און אין מײַן ליבע צו דיר
די לעצטע? —
ווער זשע וועט מיך געדענקען?

---

* לילך — בעז, לילך — ווערטלעך: מיר און דיר.

דער זומער גייט אַוועק

אַז דאָס וואַסער וואָס באַוואַסערט איצט מײַן בוים
קוועלט אויף,
ווערט אַ סאַזשלקע,
אַ טײַך,
און די בלעטער — האַרבסט־אַראָפּגעפאַלענע,
שווימען אום אין אים ווי שיפלעך,
זעצט מײַן בליק זיך אַרײַן אין יעדן שיפל
און פירט אַרויס דעם זומער פונעם הויף.

און איך באַוויין אים נישט.
איך פּרווו אים נישט פאַרהאַלטן.
כ׳פאַרקריץ בלויז דאָס געוועזן
פון אויסגעלעבטע טעג — אויף אַט די בלעטער,
ווײַל סײַ־ווי, אוי, סײַ־ווי
טרערט מײַן אויג און באַדויערט: —
דער זומער גייט אַוועק, אַוועק.

כסלו

אַז דער שניי איז אויף די בערג
און אין די טאָלן ליגט דאָס פעלד
אָפּן פֿאַר דער קעלט,
קווענלן אָן די בייטן פֿון די זוניקע ליכטער
אומגעריכטע
און טראָגן אויס דאָס גרינצײַג
צו דער צײַט.

כסלו.
דאָס הוסטן וועקט אויף ס׳ווײַב,
די קינדער,
די שכנים,
און אַלע אינאיינעם טראַכטן פֿון טויט
וואָס אָט־אָט וועט ער קומען
און וועט ווערן דאָ אייגן,
היימיש,
שטייסטו אויף און גייסט אַרויס צום דרויסן
און עס גייען דיר אַנטקעגן בלומען
וואָס זינגען אויס אויף זייער לשון
דעם פֿאַרבלײַב.

ווייַסע טויבן

ווען איך בין געווען יונג,
ייִנגער
און דאָס לעבן איז געלאָפן מיר פאַרויס,
האָב איך מיט קנאה און באַוווּנדער
נאָכגעקוקט דעם פלי פון סטאַשעקס טויבן.
איז דערפון געוואָרן מיר גרינגער?...
ניין, עס ווערט נישט,
עס ווערט נישט גרינגער
ווען די שקיעה קוקט אַרײַן דורך די שויבן.

געווען פאַר מיר צו פרי
צו פאַרשטיין וואָס איז נויט, וואָס איז הונגער,
און פרי אַוודאי — צו דאַנקען אים און לויבן.
און ווען ברויט געווען איז מיר קאַרג
האָב איך זיך געקוויקט און געטרייסט
מיטן הימלישן געשוועב פון שכנס טויבן.

דערנאָך האָב איך אַ טויב געטראָפן בײַ נח'ס תיבה,
אַ צוריקגעקומענע מיט אַן איילבירטבלאַט אין מויל.
זי האָט געקוקט צום גיבלדאַך וואָס אויבן
בעת נח האָט צוריקגעעפנט פאַר איר דעם צוהר.
און אַז דער ווינטער האָט געקאָרמעט מיך מיט חומש,
מיט וויוגעס און מיט טרויער
האָב איך, אין בענקשאַפט, געקוקט צום שלאַק
פון די וואָרקנדיקע טויבן.

שפּעטער, אַז מיט אַ ניגון אַזאַ האַרציקן, זיסן,
געלערנט האָט מיך ר׳ סענדערל דעם שיר השירים
און פּריַיטיק־צו־נאַכטס געהערט פון טאַטן אים
מיט טעם פון גאַרונג און פון הייסן גלויבן,
האָב איך פונדאָסניי מיט דער טויב זיך באַגעגנט
אין געשטאַלטן אַלערליי;
און אַז פאַרמאַכט האָב איך אין דרעמל דאַן די אויגן
געזען איך האָב דאָס געפלי פון מלאכדיקע טויבן...

און איצט?
ווערט דערפון מיר גרינגער?

ניין, עס ווערט נישט גרינגער
ווען דער טרויער שווערט אַראָפּ ווי פון שטענגלעך די טרויבן.
נאָר כאָטש איך ווייס אַז מ׳גייט נישט צוריק,
מ׳ווערט נישט יינגער,
קוועל איך אַלץ נאָך אַן און באַוווּנדער
ווי עס פליִען אַרום אין מיַין הויף וויַיסע טויבן.

אין אכטן דעצעמבער 1983

טו מיר אַן פֿליגל

טו מיר אַן פֿליגל, האַר פֿון מײַן וועלט.
לאָז מיך פֿליִען אַהין וווּ מײַן וויגל האָט געגרויט.
כ׳וויל נאָך אַ מאָל דיך זען
און דערפֿילן
דײַן פּיק אויף מײַן ליפּ,
און וואָס געזען כ׳האָב ביז איצט
דיר אָפּגעבן
ק׳ריק.

טו מיר אַן פֿליגל, האַר פֿון אַלע וועלטן.
לאָז מיך זען צום לעצטן מאָל דאָס אַש
פֿון יעקבֿס חרובֿע געצעלטן.
ווײַל פֿאַרגעסן איך וויל פֿאַרגעסן
דאָס וויסטע שיינס פֿון יענעם אָרט
און פֿילן כ׳זאָל **דאָ** דערפֿילן
די האַפּטיקייט
פֿון **דאָרט**.

טו מיר אַן פֿליגל ערבֿ פֿולן יאָר.
לאָז מיך גרייכן די שטערן דרײַ
איבערן דאַך פֿון מײַן טאַטנס הויז.
דעם תּשבי אין פֿענצטער כ׳זאָל נאָך אַ מאָל זען
און דעם פּחד פֿאַר דער וואָך — ווידער דערפֿילן.
מײַן מאַמעס „גאָט פֿון אַברהם״ כ׳וויל ווידער דערהערן
און דאָס אַלץ איבערלעבן
איידער ס׳טאָגט דער נײַער טאָג.

ערשטער אָוונט 1984

די צײַט צערט־אײַן

די צײַט איז קורץ.
פֿאַרקירצט, ווי די טעג.
די עפּלביימער שטייען נאַקעטע און וואַרטן.
די פֿייגל
אָנגעזויפּטע מיט לעצטע זאַפֿטן
זענען לאַנג שוין פֿון דאָרט אָנגעפֿלויגן
און זוכן דאָ
נײַע נעסטן.

די צײַט איז קורץ.
אײַנגעשרומפּן.
צערט־אײַן אינעם יאָר פֿון אָרוועל.
אַ בייזע האַנט צו די שוואַכע ציט זיך אויס,
דריקט אַראָפּ זיי
ביזן דיל,
ביז דער שוועל.

די שוועל איז דול,
פֿירט אין ערגעץ נישט, אין ערגעץ.
זי שלינגט אײַן יעדן ליכטשפּריץ, יעדן שטראַל.
און אַלע שוואַכע,
ווען די צײַט גייט אויס,
גייען־אײַן אין דער שוואַרצער זעונג
פֿון אָרוועל.

אוי, ווי קורץ איז די צײַט.

1984 ווער יאַנואַר

ס׳קאָצל קומט, נײַ־יאָר!

אַז עמעץ וועט מיר זאָגן: אַ גוט נײַ־יאָר!
און איך, אַ באַזאַכטער, וועל גלעטן דעם זאָג
מיט פינגער אָנגעזועטיקטע מיט וואָר,
וועט קומען אוודאי דאָס יאָר געדאַכט
מיט לבנה׳קן זילבער און זוניקן גאָלד.

אַז עמעץ וועט דערזען דאָס גוטס אין מײַן וואָרט —
די ליבע צו בוים,
צו בלום,
צו גראָז,
די ליבע צו קינד און צו לײַט —
און וועט דעם וואָרט שענקען זײַן ברכה;

אַז עמעץ וועט געפינען אין סוד פון מײַן ליד —
אויפלויכט, זין און באַשייד:
פײַנטשאַפט צו גרענעץ,
צו תחום,
צו קייט,
אומחן צו געוועב פון די שפינען
און וועט שטרעקן זײַן האַנט מיר צו שלום,

וועל איך אויפשטיין באַגינען
און
אויף אַ פאָדעם אַ ווײַסן פון חלום
אויפסילען דעם מיין און די רייד
און יום־טובדיק אויסרופן: —
ס׳קאָצל קומט, נײַ־יאָר!

אין דער זאַמלונג

ליכט פון מיין גאַס

ה׳ באייר 9
דער גאַנג צו דיר פון ווייט א.—ז. 10
אוי, ווי מוטיק א. ב. 17
אַז דאָס האַרץ 19
גראָזן אין פּאַרגיי 20
אין פאַרבנוויי א.—ג. 21
גראָע נאָדלען א.—ג. 24
אין דער נאַכט פון תיקון . . 27
אין אַ קאַיאַר 28
אַ וועלט איז אויסגעגאַנגען . . 29
אין ליכט פון די שפּיגלען א. ב. 30
כ׳האָב געוואָלט 32
ווען נישט דער בוים א.—ג. . 33
אין דער ביימער־אַליי 36
דער בעז־בוים 37
ס׳האָט אויסגעקלאַפּט די שעה . 38
אַ בוים איז איינגעפאַלן . . . 39
לידער פון דער נאָענטער פרעמד:
1. אין די סמאָקי־בערג . . . 40
2. ס׳פּאַפּיר רעדט צו מיר . 41
3. וועלן די ביינער? . . . 42
4. פאַלן דאָ די בלעטער . . 43
5. זע, ווי ליידיק 44
רויזן קוקן אַריין צו מיר א. ב. . 45
אַזוי וועל איך פרעגן . . . 47
צעפּרילינגטער האַרבסט א. ב. . 48
אויסגערונען 50
מיין געשאָכטענע רו 51
די בערנפעל 52
אַ תפילה צום וואָרט 53
כ׳וואָלט וועלן 54
שטיל 55
און עס ציטיקן מאַראַנצן . . 56
הימל אין גרוי 57
פאַרפלאַנצט 58
באר שבע 59
ליכט פון מיין גאַס 60

בת־קול פון פאַרשווינד

אין טרויער אויסגעוואַקסן . . . 63
לויפט אַרום דער טרויער . . . 64
נישט איבערגעהיפּערט . . . 65
מיטאַמאָל 66
מלחמה 67
אַ פאַרנאַכט אין קילן געל . . . 68
פייגעלעך גרויע 69
פון דעמלט אָן 70
רויט פון שאַנד 71
געוויין פון אַ טאַטן 72
אַ גבעון־זון אין מיטן הימל . . 73
קער זיך אום 74
מיט טרערן צעשטראַלט, א. ב. . . 75
בלעטער וויינען 77
ווער? 78
בת־קול פון פאַרשווינד . . . 79
נעפּל, א. ב. 80
הירשין פון מיין חלום 82
טאָג פון דערבאַרעמדיקן, א.—ג. 83
אין וויי־ווינט 86
אויף אַלע צווייגן 87
נחמו, נחמו 88
אַ שטראַל ט׳זיך אַריינגעריסן . 89
מורא 90
צינד אָן 91
אין אַזעלכע טעג 92

גאָלד פונעם ניגון

ווען דו 95
מיין חבר דער פּאָעט 96
גרינס פון דערמאָנונג 98
זון 99
דיין נאָמען 100
אַלטזומער 101
גאָלד פונעם ניגון 102
בשמים אויף בייטן 103

רות	104
איך הער דיין שפאנען א. ב.	105
ווו ביסטו, געליבטע?	107
דיין ליד	108
דיין טרער	109
דו	110
ביסט אייביק	111
הבטחה	112
ביי דיין שוועל	113
רעגן־טרוים	114
בצלם	115
איידער ער פאלט אריין אין טרויער	116
וואס האבן נישט קיין שיעור	117
אין אירע טריט	118
אויב וועסט ברענגען	119
* (אמאל)	120
* (און איך וועל דיך גרייכן)	121
איידער	122
אנדער ליכט	123
צו מיין אייניקל לילך	124
דער זומער גייט אוועק	125
כסלו	126
ווייסע טויבן	127
טו מיר אן פליגל	129
די צייט צערט־איין	130
ס'קאצל קומט. ניי־יאר!	131

ביכער פון י. צ. שארגעל:

אין בלויען ליכט, לידער. ארויסגעגעבן: יידישער ליטעראטן־ און זשורנאליסטן־קלוב אין ארץ־ישראל, תל־אביב, 1937

פון ווי און גלויבן, לידער. פארלאג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1959.

זוניקע שוועלן, לידער. פארלאג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1968

טויערן אין די בערג, לידער. פארלאג „ישראל־בוך", ת״א, 1973

הארבסטיקע טרויבן, לידער. פארלאג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1977

פון אנהייב אן, צווישן שרייבער און ווערק (עסייען).
פארלאג „ישראל־בוך", תל־אביב, 1977

קוואלן ארום געצעלט, צווישן שרייבער און ווערק, בוך צווי.
פארלאג „ישראל־בוך", תל־אביב, 1981

ליכט פון מיין גאס, לידער. פארלאג „ישראל־בוך" ת״א 1984

אין העברעישן לבוש:

עלי ספים, שירים. א לידער־אפקלייב אין דער איבערזעצונג פון אמיר גלבוע, ב. מרדכי, חיים רבינזון, אשר שופט און שלמה שנהוד.
ארויסגעגעבן: ספרית פועלים, תל־אביב, 1972

איבערזעצונג פון עברית:

מרדכי נמיר / שליחות במוסקבה — שליחות אין מאסקווע.
ארויסגעגעבן: החברה המאוחדת לפרסומים והדפסה בע״מ, ת״א, 1973

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"

הילפספאַנד פאַר יידיש־שאַפונגען

אריה שמרי / וואַרצלען, אַנטאָלאָגיע פון יידיש־שאַפן אין ישראל
ישעיהו שפיגל / פלאַמען פון דער ערד, ראָמאַן
רחל פישמאַן / דערנאָך נאָכן רעגן, לידער
מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי, יידיש — ד. שטאָקפיש
רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווייזער, עסייען
רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן, לידער
ריקודה פּאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים, דערציילונגען
יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן, לידער
משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פּאַריז, דערציילונגען
אריה שמרי / דאָס ייִנגל פון דיזשאָן, פּאָעמע
רפאל מאַהלער / ספר סאַניק, היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות
משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט, דערציילונגען און מיניאַטורן
אריה שמרי / געזאַנגען אין שײַער, לידער און פּאָעמעס
מנוחה ראַם / אַרום דער ווערבע, דערציילונגען
משה זאַלצמאַן / ...און מען האָט מיך רעהאַביליטירט
אברהם שלאָנסקי / לידער, אָפּקלײַב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג
ייִדיש — משה יונגמאַן
משה גראָס־צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן, עסייען און פּראָפילן
רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער, לידער
ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן,
מלכה חפיץ־טוזמאַן / בלעטער פאַלן ניט, לידער
ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד: אַ פרעמדע וועלט; אין נײַעם לאַנד, ראָמאַנען
ישעיהו שפיגל / די קרויז, דערציילונגען
משה יונגמאַן / רעגן־בויגן צוקאָפּנס, לידער
דאָרע טייטלבוים / געזאַנג פון זינקזאַמד דור, לידער און פּאָעמעס
יעקב צבי שאַרגעל / טויערן אין די בערג, לידער
נח גרים / פון פינצטערניש צו ליכט, עסייען וועגן ישעיהו שפּיגל
אליעזר קופּערמאַן / פון וועלט צו וועלט, דערציילונגען
משה זלצמן / וזכיתי לריהאביליטציה, מיִידיש — גרשון לימור
מלכה חפיץ־טוזמאַן / אונטער דײַן צייכן, לידער
רחל אויערבאַך / וואַרשעווער צוואָות, וואַרשע 1933—1943
יעקב פרידמאַן / לידער און פּאָעמעס, דרײַ בענד
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון פּראָפ. יודל מאַרק
מאיר חרץ / לידער צו אייגענע, לידער און פּאָעמעס
אריה שמרי / רינגען אין שטאָם, לידער און פּאָעמעס, צייכענונגען — ב ע ן
יעקב י. מייטלים / אין גאַנג פון דורות, עסייען
יהודה לייב טעלער / דורך ייִדישן געמיט, לידער
מיט אַ באַגלייטוואָרט פון אריה שמרי
י. ח. בילעצקי / ביים קוואַל פון קאָצק, פּאָעמע
שלמה שטאָקפיש / אין ראָד פון צאָרן
איבערלעבונגען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה

ישעיהו שפּיגל / שטערן לײַכטן אין תהום, געזאַמלטע דערציילונגען — 1944־1940
חיים זעלצער / פון היימישן ברונעם, לידער און באַלאַדן. צייכענונגען פון מחבר
י. ח. ביעלצקי / איציק מאַנגער, פּרקי מסה
אַברהם נאָווערשטערן / סוצקעווער־ביבליאָגראַפיע
רשימה פון אָ. סוצקעווערס שאַפונגען אין ליד און אין פּראָזע
און פון אָפּהאַנדלונגען וועגן זײַן שאַפן
לייב אָליצקי / פון דער היים און פון דער פרעמד, דערציילונגען
הירש אָשעראָוויטש / געזאַנג אין לאַבירינט, לידער און פּאָעמעס
רחל קאָרן / פאַרביטענע וואָר, לידער
פּאָרטרעט און צייכענונגען — סילוויאַ אַרי
משה יונגמאַן / אין לאַנד פון אליהו הנביא, לידער און פּאָעמעס
בער מאַרק / מגילת אוישוויץ, מיט דאָקומענטן געפונענע אין אוישוויץ
יעקב צבי שאַרגעל / פון אָנהייב אָן, עסייען
רחל אויערבאַך / בײַם לעצטן וועג, אין געטאָ וואַרשע און אויף דער אַרישער זײַט.
וועגן רחל אויערבאַך — פּראָפּ. דב סדן און ד״ר יוסף קערמיש
דוד האָפּשטיין / לידער און פּאָעמעס. צוויי בענד. צונויפגעשטעלט פון פייגע
האָפּשטיין. צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל. פּאָרטרעטן געצייכנט פון ס. שור,
הלל האָפּשטיין און ה. אינגער.
מלכה חפץ־טוזמאַן / הײַנט איז אייביק, לידער
אריה שמרי / אויף גרינעם פאַרמעט, לידער און פּאָעמעס
ישעיהו שפּיגל / צוויי דערציילונגען — שני סיפורים. תרגם : מרדכי אמיתי
ישעיהו שפּיגל / צווישן תּיו און אַלף, געקליבענע לידער
יוסי גמזו / לענדער פון דאָרשט, לידער
עסיי און איבערזעצונג : פּראָפּ. לאָרענס (לייב) גרעצקי.
צייכענונגען — דער מחבר.
יהודה קערש / דער וועג פון אַ פאָלק
שמואל יוסף עגנון / צווישן אַלט און ניי, אויסדערוויילטע דערציילונגען.
ייִדיש : חיים גורט.
יצחק בורשטיין־פינער / מיין מאַמע — סקיצן, דערציילונגען, נאָוועלן
מיט אַן אַרײַנפיר פון י. צ. שאַרגעל
יעקב פרידמאַן / געזעגן אויף אַ ווײַל
אברהם סוצקעווער / דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן, דערציילונגען
צייכענונגען : יאַני פײַן
הירש אַשעראָוויטש / בלויע בומעראַנגען, לידער און פּאָעמעס
חיים זעלצער / שאָטנס אין מדבר, לידער און באַלאַדן
דב סדן / טויערן און טירן, עסייען און עטיודן
דאָרע טייטלבוים / אין טויער פון מעת־לעתן, לידער
דוד ספּארד / שפּאַצירן אין דער נאַכט, לידער
ישראל אייזענבערג / פאַרוואָס גראָד איך ?
מ. אָליצקי / לידער פון פריער און פון איצט
משה שטאַרקמאַן / געקליבענע שריפטן, בוך 2, צוזאַמענגעשטעלט : י. צ. שאַרגעל
שלמה שנהוד / לידער פון הייליקן עפּלפעלד. צייכענונגען : פּנחס שער
ישעיהו שפּיגל / געשטאַלטן און פּראָפילן — עסייען. באַנד צוויי
חנה שליט / אין שטענדיקן צאַפּל, לידער
מנוחה ראָם / שטיינער, ח״י דערציילונגען

שרה שבת / פון היים צו היים, לידער

יעקב צבי שאַרגעל / קוואַלן אַרום געצעלט — צווישן שרייבער און ווערק בוך צוויי.

יצחק יאַנאַסאָוויטש / אברהם סוצקעווער זײַן ליד און זײַן פּראָזע

יעקב י. מייטלים / פון ווײַטן אַמאָל ביזן הײַנט, פאָרשונגען און עסייען

הדסה רובין / אין צוגווינט, לידער

הירש אַשעראָוויטש / ביים עץ הדעת, לידער

משה זאַלצמאַן / די גרויסע ענדערונג אין יידישן לעבן אין פראַנקרייך

עלי שעכטמאַן / רינגען אויף דער נשמה — ערשטער און צווייטער בוך

חיים זעלצער / זיבן פון איין שיף — באַלאַדעס און באַלאַדיש

דב סדן / צווישן ווײַט און נאָענט — עסייען, שטודיעס, בריוו

משה יונגמאַן — מיין טאַטנס פרנסות — ליד און באַלאַדע

אַסיאַ / ניט קיין אַלבאַטראָס — לידער

אברהם סוצקעווער / פון אַלטע און יונגע כתב־ידן

רבקה באַסמאַן / צעשאָטענע קרעלן, לידער. הילע און פּאָרטרעט : מולאַ בן־חיים

לילי בערגער / נישט פאַרענדיקטע בלעטלעך, ראָמאַן

שלמה רויטמאַן / פאָלקסטימלעכע לידער

אריה שמרי / איינזאַמלונג — עסייען, אָפּהאַנדלונגען, רעדעס.
צונויפגעשטעלט פון א. שמריס עזבון — יעקב צבי שאַרגעל

יאַני פיין / גוטע אורחים, לידער

י. בורשטיין־פינער / צוזאַמען, לידער

דוד שאַטקפיש / אין גאַנג פון געשעענישן, זאַמלונג פון אַרטיקלען, רעפּאָרטאַזשן, אָפּהאַנדלונגען, רעצענזיעס

הלל שאַרגעל / פון זיבעטן ליכט, לידער

יהודה עלבערג / קלמן קאַליקעס אימפּעריע, ראָמאַן

שרה שבת / צווישן זון און שאָטן, לידער

עלי שעכטמאַן / ערב, ראָמאַן — 7 ביכער אין איין באַנד.

יעקב צבי שאַרגעל / ליכט פון מײַן גאַס, לידער. צייכענונגען : מולה בן־חיים